STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01001

BAYM GREND KENYON

Z. Weinper

Permanent preservation of this book was made possible
by Yetta & Morris Gelber
in memory of
their parents, Benjamin & Esther Lechman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביים „גרענד־קעניאָן"

דאָס בוך איז דערשינען

מיט דער הילף

פון

די יידישע קולטור־טוער

סאָניאַ און אַל. ראָער

לאָס־אַנגעלעס

ביים גרענד קעניאָן

פון

ז. ווײנפּער

איקוף פארלאג

Z. Weinper

BEIM GRAND CANYON

Copyright, 1947, by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

PRINTED IN THE U.S.A.

געדרוקט אין 2,000 עקזעמפּלאַרן

געזעצט פון י. בוראַקאָוו • פּראָמפּט פּרעס, 113—4טע עוועניו, ניו־יאָרק 3, נ. י.

209

ז. וויינפּער

נישט דער „גרענד־קעניאָן״
נאָר ביים „גרענד־קעניאָן״

די לידער, וואָס גייען אַריין אין דער זאַמלונג „ביים גרענד־קעניאָן״, זיינען וואַריאַציעס פון שטימונגען און רעפלעקסן נאָך מיין באַזוך ביי יענעם פאַרכישופטן וואונדער אין דעם שטאַט אַריזאָנאַ פון אונדזער לאַנד אַמעריקע.

מען דאַרף נישט זוכן קיין באַשרייבונגען פון דעם „גרענד־קעניאָן״ אין אָט די לידער.

די גראַנדיעזקייט פון דעם „גרענד־קעניאָן״ איז נישט אַזוי אין זיין אייגענעם אויסזען, ווי אין דעם כוח אויפ־צוטרייסלען דאָס געמיט פון דעם, וואָס געפינט זיך לעבן אים און אין אים, און עס זיינען אָט די אויפטרייסלונגען, וואָס איך האָב זיך באַמיט צו געבן.

פאַר דעם שעפערישן מענטשן איז סוף כל סוף נישט אַזוי וויכטיק דער געגנשטאַנד, נאָר וואָס דער געגנשטאַנד רופט אַרויס און רעגט אָן.

נישט דער „גרענד־קעניאָן״, נאָר שטימונגען און רעפלעקסן ביים „גרענד־קעניאָן״ פון אַ יידישן דיכטער.

איך קום אַ דאַנק מיין חבר נחמן מייזיל פאַר ווירקן אויף מיר אָפּצושפּאָרן עטלעכע טעג פון מיינע רייזעס אין יענע מקומות פאַר דעם „גרענד־קעניאָן״. אויך דעם דיכטער מאַטעס דייטש פאַר דעם ענטוזיאַזם ביים לייענען די ערשטע עטלעכע נאָך־רויע מאַנוסקריפּטן און אַזוי אַרום מיך דערמוטיקט אין דער אַרבעט.

אַ גרויסן דאַנק די חברים קולטור־טוער סאָניאַ און אל. ראָער פאַר מעגלעך מאַכן די דערשיינונג פון אָט דער זאַמלונג.

ז. ווײַנפּער

אָט איז עס דאָך דאָס ליד!

אָט איז דאָך דאָס געזאַנג,
וואָס האָט אַזוי לאַנג
געגליט
אין מיין געמיט
און איז קיין ליד
נישט געוואָרן.
זע, זע, דער צעעפּנטער אָרון
בלענדט און גליט.
אָט איז עס דאָך דאָס ליד,
וואָס איז אַזוי לאַנג
קיין געזאַנג
נישט געוואָרן.
זע, זע, עס צעעפּנט זיך ברייטער דער אָרון
און וואָס געווען איז פאַרבאָרגן
פאַר עפּעס אַ מאָרגן
גייט אויף און צעשיינט
זיך שוין היינט.
זע, זע, ווי עס גליט
זיך דאָס ליד
איצט פאַנאַנדער
און לאָזט זיך אין וואַנדער.
אַזאַ געזאַנג
איז איצט אין גאַנג
אַהין!
אַהין!

ז. ווײַנפּער

וואוהין

עס ציִען זיך אַלע אונדזערע טריט.
אָט איז עס דאָך דאָס ליד! —
אַזאַ קאָלירקער רעגנבויגן
גייט אויף פֿאַר די אויגן,
און וואָס געווען איז נעכטן אַזוי שווער
איז איצט פֿאַר דעם געהער
אַזוי גרינג, —
זינג! זינג!

מה גדלו מעשיך אדוני!

מה גדלו מעשיך אדוני!
צי ווייסטו, גאָט, גענוי
צו וואָס אַזוינס דו צילסט
און וואָס אַזוינס דו ווילסט
מיט אַט־אָ דעם, וואָס איז?
צי איז דאָס בלויז קאַפּריז, —
אַ שפּיל, — אַזאַ באַגער
צו ווילן דאָס געהער,
דעם בליק און גאָרנישט מער?
סיי־ווי טוט אויס די שיך
אַ מענטש אַזאַ, ווי איך,
און בוקט זיך צו דער ערד
פאַר אַלצדינג, וואָס ער הערט,
פאַר אַלצדינג, וואָס ער זעט.
זע, זע, ווי מילד עס גלעט
מיין בליק איצט דיין באַשאַף.
איך קוק און זע און גאַף
און בין פון אַלץ אַ טייל.
נאָר גיי באַזינג, דערצייל,
אַז גאָרנישט איז דיר קלאָר.
דו זעסט פאַר זיך אַ וואָר,

וואָס קוקט אויס, ווי אַ טרוים,
און אויך דער טרוים, איז קוים,

ז. ווײַנפּער

וואָס איך באַנעם אים דאָ.
און דאָך איז אָט די שעה
אַזוי געבענטשט אין מיר.
איך בין דורכאויס אין איר,
ווי פֿאָדעם אין געוועב.
אָט דאַכט זיך, אַז איך שוועב,
און אָט בין איך געשמידט
צום גליאיקן גראַניט,
נאָר אַלץ איז איצט אַ ליד
עקסטאַזעדיק אַזוי, —
מה גדלו מעשיך אדוני!

דאָס הייליקע לאַנד פון ישראל

אויף יעדן באַרג, אין יעדן טאָל, —
אומעטום, אומעטום, אומעטום
איז דאָס הייליקע לאַנד פון ישראל.
וואו יידישער צונג איז נישט שטום,
וואו יידישער טראָט איז אין גאַנג,
וואו עס הערט זיך אַ יידנס אַ קול, —
צי איז דאָס געוויין, צי איז דאָס געזאַנג, —
דאָרט איז הייליק לאַנד פון ישראל.

די זעלבע זון, די זעלבע לבנה,
די זעלבע שטערן אומעטום, אומעטום, —
אַזוי ווי אין יהודה אַזוי אין אַריזאָנע
דער יידישער צונג איז נישט שטום.
דאָס פּראַוואָרפנסטע אָרט
אויף דער ערד
ווערט דורך יידישן וואָרט
דערהערט
און דערזען.
וואָס נאָך
קאָן געשען,
ווי דער בראָך,
וואָס איז געווען
אין אונדזערע טעג, —
דאָך ציט זיך און ציט
אַ וועג נאָך אַ וועג
פאַר אונדזערע טריט
אַלץ ווייטער און ווייטער,

ז. װײַנפּער

און ייִדיש ליד, —
אונדזער שײַטער!

נישט סתם
איז דער גאַנג!
דורך רויך און פלאַם
איז מיט געזאַנג
אונדזער טראָט באַלײַט.
מיר זענען דער סוד,
און אויך דער באַשייד
פון דעם אחד.

הערט, הערט,
ווי עס ווערט
דער גראַניט
דורך אונדזער ליד
צערעדט.

אומעטום, אומעטום, אומעטום
איז ייִדישער פּאָעט
נישט שטום!
וויפל מאָל האָט מיט ציטער און חידוש
אונדזער קול שוין מקדש געווען די ערד
אויף ייִדיש?
הערט, הערט,
ווי דער שטומער גראַניט
איז צעברומט און צערעדט
אינעם ליד
פון אַ ייִדישן פּאָעט
אויפן קול! —
אויך דאָ איז הייליק לאַנד פון ישראל!

ביים „גרענד־קעניאָן"

אויסטערליש

אַזוי אומגעריכט די אַנטפּלעקונג,
אַז אַפילו די אַנטדעקונג
פון אייגענער דרויביקייט
און שטויביקייט
איז דרויביק
און שטויביק
געוואָרן.
אַזוי האָט משה ביים פייער פון דאָרן
געקניט צו דער נידער מסתמא.
אַן אויסטערלישע גאַמע
פון איינגעהאַלטענע
און באַהאַלטענע
טענער און קלאַנגען, —
ווער איז דאָ געגאַנגען
דעם הימל דערלאַנגען
און איז אינמיטן געפאַנגען
געוואָרן ?
געבונדענער צאָרן
און שטילע
מחילה,
אַ תפילה
געשמידט
אין שוויגיקן גראַניט,
און דאָך רעדט זי,
און דאָך בעט זי,

ז. װײַנפּער

כאָטש זי װײסט, אַז קײנער באַנעמט נישט איר געבעט.
אַ שטומקײט, װאָס רעדט
אויפן קול,
אַן עול
אויפן שולטער פון אַ פאַרמאַטערטן גאָט,
אַ טיפער סוד
פון נישטדאָגעדאַכטקייט,
װאָס איז אין זײַן פאַרמאַכטקײט
אַזוי גרױזאַם און שײן
אין דער שטומקײט פון שטײן.

צעמישט און נישט אָפּגעווישט

דאָס חלומדיקס, דאָס וואָריקס,
דאָס נעכטיקס, טויזנט־יאָריקס, —
אַלץ, אַלץ איז צעמישט,
און דאָך נישט אָפּגעווישט.
דער גאָר,
און דער גאָרנישט,
דער מען טאָר,
און מען טאָרנישט, —
ווער קאָן זיי פאַנאַנדערטיילן?
אַ זינגער, וואָס קאָנסטו דאָ זינגען?
דערציילער, וואָס קאָנסטו דערציילן?
אַזוי פיל קאָליריקע רינגען
פאַר די בליקן.
סיידן שטריקן
אויפסניי
אַ שטריקעריי
פון דאָאיקייט,
נישטאָאיקייט,
און אויפלייזן זיך אין איר
ביי יעדן באַריר.

ז. ווײַנפּער

געזאַנג, צי געוויין?

דאַכט זיך אַן אויפגעלייזטער,
און דאָך נישט קיין דערלייזטער!
זע, זע, אָט עפנט זיך פאַר מיר
אַ טיר,
וואָס איז געווען פאַרשלאָסן אַזוי לאַנג.
צי איז דאָס געזאַנג?
צי איז דאָס געוויין?
מען זאָגט: — שווייגנדיק, ווי אַ שטיין, —
הערט, הערט, ווי אַ ליד
וויגט זיך און טראָגט זיך.
דער האַרטער גראַניט
צעשלאָגט זיך,
צעפּאַלט זיך,
און ברייטער צעפּראַלט זיך
פאַר מיר
די טיר
צו דער דאָאיקייט,
נישטאָאיקייט,
צום חלומדיקס, צום וואָריקס,
צום נעכטיקס און צום טויזנט־יאָריקס.
אַלץ, אַלץ, וואָס איז דאָ
און נישטאָ
איז ווי אַ קאָליריקער פּעכער צעוויט.
די גאַנצע אייביקייט
שוועבט פאַרביי און רירט מיך אָן.
איז וואָס־זשע זאָל טאָן

ביים „גרענד־קעניאָן“

אַזאַ ווי איך
איצט דאָ מיט זיך ?
דער שווייגיקער גראַניט
גייט אויף אין אַ ליד —
צו וועמען ?
און צו וואָס ?
גאָט איז איצט אויף מיינע ברעמען,
און איך בין, ווי ווינטיק־געבלאָז,
ווי פלאַטערדיקע פאָן,
ווי קאָרט אין מיטן פון קאָן
צווישן די נערוועזע פינגער
אין די הענט פון אַ פאַרשפּילער, —
אָ פיבערדיקער זינגער,
זינג שטילער, זינג שטילער !

ז. ווײַנפּער

רו

די וואָר איז פֿאַרשפּילט דאָ מיט חלום,
דער חלום איז אויך דאָ אַ וואָר.
זע, זע, עס פֿאַרבן אין שלום
אוזאָר נאָך אוזאָר
דאָ ביידע.
אָט זיצט זיך דער זיידע
בײַם אייניקלס וויג,
און אָט איז די ציג,
די ווײַסע.
די וועלט איז אַ מעשה
געשמידט
אין גראַניט,
דאָך ציט זי זיך, ציט
און בענקט צו ווערן דערהערט און באַנומען.
פֿון וואַנען און נאָך וואָס בין איך אַהער געקומען?
דער גאַנצער אַהינטער
מיט דער היץ פֿונעם זומער און קעלט פֿונעם ווינטער
איז ווײַט ערגעצוואו,
און איך בין די רו,
אַ שווײַגנדיק ליד,
וואָס גליט,
ווי איצט דער גראַניט.

גענאָד

זיי שטיל, אָ זיי שטיל איצט מיין וואָרט,
ווי שטיל עס איז דאָס אָרט
אַרום מיר איצט אָט־דאָ.
אין שטילקייט פון דער שעה
איז יעדע רגע אַ גאַנג
מיט לויטער געזאַנג
און גענאָד.
איך פיל איצט אויף זיך די גוטסקייט פון גאָט,
און אַזוי פאַרגיביק זיינען זיינע געבאָט,
וואָס איך האָב בישט אויסגעפירט.
זע, זע, ווי באַטירט
און באַשוועלט
עס איז איצט די וועלט,
און אַזוי גאַסטפריינטלעך איז יעדע פון זיי,
כאָטש נעם און גיי
צו גאַסט אין יעדן הויז.
די ערד — אַ ווייכער, וואַרעמער שויס
פאַר אַלצדינג אויף איר.
ווי ווייך עס איז דער באַריר
פון ווינטל, וואָס איז צעווייט.
אַזאַ שטראַלנדיקייט גייט
איצט שפּאַצירן דאָ אום.
ווער זאָגט, אַז שטום
איז גראַניט?
הער, הער, סאַראַ ליד

ז. וויינפער

ער זינגט איצט צעגליט
אָטאָ־דאָ.
אין שטילקייט פון דער שעה
איז דאָ
אַזוי פיל גענאָד.
עס איז, ווי דער חסד פון גאָט
וואָלט איצט פאַר מיין טראָט
אַ טעפּיך געשפּרייט
צו רו און צו פרייד
אויף אָטאָ־דעם אָרט, —
זיי שטיל, אַ זיי שטיל איצט מיין וואָרט.

גאָרנישט פאַרלאָפן

און פּלוצלונג אַזוי פיל רו אין מיר!
עס איז די רו ביי אַ טיר,
פאַר וועלכע מען טוט אויס די שיך,
כדי די טריט פון זיך
זאָלן נישט וועקן די נאָענטע פון שלאָף.
עס איז די רו פון אַ שאָף,
אויף אַ לאַנקע נאָכמיטיק.
עס איז די רו פון אַ בוים, וואָס איז צוויטיק.
גאָרנישט פאַרלאָפן,
גאָרנישט געטראָפן,
גאָרנישט געווען,
גאָרנישט געשען.
דער וואָלף און די שאָף
שטייען אויף רואיקע פון שלאָף,
און קוקן ליבלעכע זיך איבער.
זי צו אים: — ליבער, מיין ליבער,
און ער צו איר: — גוטמאָרגן, גוטמאָרגן.
די וועלט טראָגט פאַרבאָרגן

ז. ווײַנפּער

אין זיך דעם סוד
פון אַ גאָט,
וואָס איז אין זײַן סודותדיקייט שיין, ווי אַ מעשה.
זעט, זעט, ער שוועבט, ווי אַ טויב אום אַ ווייסע,
און וואָרקעט שטילערהייט
דעם באַשייד
פון זײַן אייביקייט,
נאָר מיר קאָנען אים נישט דערהערן,
ווײַל מיר האַלטן נאָך אין יערן,
אין ווערן.

ווי וואונדערלעך ער איז אין זײַן שוועבן,
אַזוי וואונדערלעך איז אונדזער ווילן צום לעבן.

עס איז דאָס

גראַניט איז אין דרימל,
אַזוי אויך דער הימל,
און איך צווישן זיי.
וואָס איז ווייסער פון שניי?
וואָס איז גרינער פון גראָז?
וואָס איז דורכזיכטיקער פון גלאָז?
וואָס איז פלינקער פון ווינט?
וואָס איז אומשולדיקער פון קינד?
עס איז דאָס, וואָס איך
טראָג איצט אין זיך!

ז. ווײַנפּער

די אײביקײט

בראשית און סוף און נאָכאַמאָל בראשית.
אױך די אײביקײט בלוט און פלײש איז.
זי קאָרטשעט זיך פון פּײן
און פרײט זיך מיט שײן,
און װערט זי מיד —
איז זי אַ דרימלדיק ליד,
װי דאָ דער גראַניט,
װאָס איז פאַרזונקען אין שלאָף.
נישט קײן שטראָף
איז די שטײנערדיקע שטומקײט אַרום מיר, —
דאָס רוט די אײביקײט אין איר.

נישט קיין חידוש

יעדער בראשית איז פון עפּעס אַ סוף.
אויך דער טויט איז בלויז שלאָף,
וואָס זאַמלט פרישע כוחות צום לעבן.
נישטאָ גאָר אַזוינס, וואָס האָט נישט צו געבן,
מען דאַרף נאָר קאָנען נעמען.
די זון דריקט אַראָפּ מיינע ברעמען,
דאָך זע איך די גאַנצע אייביקייט.
זי רייט איצט אָן צער און אָן פרייד
אויף איר אייגענעם רוקן
און הערט נישט אויף אין איר אייגענעם פּנים צו קוקן, —
נישט קיין חידוש, — אַזוי פיל אין איר איז געשען,
איז דאָ אַזוי פיל צו זען!

ז. ווײַנפּער

גלייכגילטיקייט

די באַן האָט מיך אַהער געבראַכט
אינמיטן דער נאַכט,
און אַזוי צעוואַכט
האָט דעמלט
געפּלעמלט
אַ לעמפּל אַ רויטס.
איצט הענגט דאָס אַ טויטס
צעוויגט אינעם קאַיאַרישן ווינט,
ווי אַ קינד
אויף אַ תּליה.
די זון רייסט קריעה
פון די וואָלקנס אַרום איר,
און קוקט אויס, ווי אַ יורד ביי אַ פרעמדער טיר.
דער גאַנצער אַרום
קוקט גלייכגילטיק און שטום, —
זעט, זעט, ווי צעגלאָצט עס איז דער גראַניט
צו מיינע צעשראָקענע טריט,
צום מויל מיינס אָן לשון.
דאָס לעמפּל פאַרלאָשן
און הויך איבער דעם
אין אַ קלעם
איז די זון.
איז וואָס־זשע וועט ווערן דערפון,
וואָס די וואָלקנס זענען געדיכטע און שווערע?
אַזעלכע לערע
זענען דאָ די שטיינערדיקע גאַסן!

ביים „גרענד־קעניאָן״

נישטאָ ווערטער צו האָסן
און ווערטער צו ליבן.
איז וואָס־זשע איז געבליבן
אָט דאָ צו טאָן?
מען טוט, וואָס מען קאָן, —
מען שטייט און מען קוקט
און מען צוקט
מיט די ברעמען,
ווייל נישטאָ איז פאַר ווערטער
צעעפּענען האַרץ און געמיט.
די זון איז צעגליט,
נאָר זי
מיט איר גלי
קוקט אויס פון נישט־היי.
דער גאַנצער אַרום
קוקט גלייכגילטיק און שטום.

ז. ווײַנפּער

בין איך וואַך?

בין איך וואַך? צי איך שלאָף?
אין מיר איצט די רו פון אַ שאָף,
וואָס צופּט אויף דער לאָנקע דאָס גראָז
און לאָז אַזוי־אָ, אָן אַ פאַרוואָס,
אַרויס אַ בע־ע־ע צו דער וועלט.
ווי לויטער עס איז צעהעלט
דער הימל איבער אָט אַזאַ מין שאָף, —
בין איך וואַך? צי איך שלאָף?

גרויזאַם רעטעניש

ווי האַרט און קאַלט און איינגעשמידט
עס איז דאָ דער גראַניט
אין זיך.
און איך?
אָ לעבן מיינס, — יאָגעניש, איילעניש, כסדרדיק וואַנדערן!
ווילסט צונויפבינדן איינס דאָ מיטן אַנדערן,
ווייל טיף אין דיר איז אָ וואָיענדיק געיאָמער.
זוכסט און טאַפּסט: — אפשר? טאָמער?
ווער קאָן וויסן?
שטורעמדיקע כוואַליעס גיסן
אַלע ברעגן דאָ אַריבער
און פאַרטרינקען אונדז די שטיבער
מיט געברויז.
באַלד, באַלד איז אויס,
און דער מענטש איז אומעטום דאָך נישט קיין אַנדערער, —
אַנדערש אויך נישט איך — דער וואַנדערער!

אומרו מיינער! — ווינט פאַר פליגל אויף פאַרשעמטע מילן!
זע, אַפילו אינעם גאַנג צו קלאָרע צילן
קאָן איך דיך נישט קערעווען, פאַרשטילן, —
שטילקייט איז אַפּנים דיר זערווידער!
נעכטן האָב איך דיך פאַרשפּילט מיט לידער
פון זילבערנע לבנה
און געדאַוונט האָב איך זיי מיט גרויס כוונה
און מיט דבקות.
געמיינט, אַז אַלע ספקות

ז. ווײַנפּער

זײַנען אײַנגעשלאָפֿן.
נאָר אָט איז ווידער שטורעם אָנגעלאָפֿן
אין זײַן אימפּעטיק געיעג,
און ווידער בין איך שוין מיט אים אין וועג!

אומרו! אומרו! — מײַנע יאָגנדיקע טריט, —
פֿײַקנדיקע שטעקלעך און די פּויק איז מײַן געמיט!
וואָס־זשע ווילסטו?
וואָס־זשע צילסטו?
זעסט אַ רמז
פֿון אַן אמת,
יאָגט עס דיך פֿון דאַנען צו דעם דאָרטן, —
גאָט, ווי צעוואַלגערט איז דאָ אונדזער גאָרטן!

געוועזן!
געזען!
און שוין פֿאַרגאַנגען!
ברויט פֿון דײַזשע איז נישט אויפֿגעגאַנגען, —
דאָס פֿאַרזייטע איז צעטראָטן!
לעבן אונדזערס אין דער שטאָט פֿון לוט'ן,
און דו טראָגסט זיך,
און דו יאָגסט זיך, —
ווילסט געפֿינען
בלימעלעך אין שטויביקע רויִנען,
אויפֿגעלויכטן און באַרויִקט ליד
אויף פֿאַרגליווערטן גראַניט,
און ווײַנסט דערפֿאַר מיט דעם פֿאַרוויאַנעט בלימל
צו דער גלײַכגילטיקייט פֿון הימל,
טרויערסט מיט דעם טרויער
בײַם פֿאַרמאַכטן טויער,

ביים „גרענד־קעניאָן"

גוססט מיט דעם לעבן אינעם ברויז פון ים'ען,
ביסט דאָס אַש פון אַלע פלאַמען, —
ביסט האָפענונג און רעזיגנאַציע צוזאַמען!

כמורנע נעכט און טעג
אויף אונדזער וועג.
דאָ, ווי דאָרטן
איז צעראַיעט אונדזער גאָרטן
פונעם גרויסן שטורעם.
אונדזער אויפגעבויטער טורעם
פאַלט איצט צו דער נידער!
שוועסטער מיינע, מיינע ברידער, —
שטיקער
פון מיין עיקר
אָפגעפאַלן און צעפאַלן!
לויטערקייט פון שטראַלן, —
ערשט געלויכטן, שוין פאַרלאָשן,
און מיט אָפגענומען לשון
הער איך זיך נישט אויף צו טראָגן, —
וואָס איז דאָ צו זאָגן?
וואָס איז דאָ צו ריידן, —
גרויזאַם רעטעניש, — עס לאָזט זיך נישט באַשיידן,
ווי נישט באַשיידנדיק עס איז דער גלי, וואָס גליט
אויף אָט דעם האַרטן, קאַלטן, שווייגיקן גראַניט.

ז. ווײַנפּער

וואוהין?

מיט שטילע טריט
אַהער, אַהין, —
בלויז דער גראַניט
בישט פרעגט: וואוהין?

עס איז אים וואויל,
עס איז אים גוט,
כאָטש נאַקעט, הויל
און דאָך בארוט.

ווי שטום, ווי קיל
ער קוקט אויף מיר, —
ער איז דער ציל,
די לעצטע טיר.

און איך, וואָס בין?
אַ ווינט אין וועג
אַהער, אַהין
אין אַ געיעג.

געיעג נאָך וואָס?
ווי זעט דאָס אויס?
גיי פרעג ביים בלאָז
פון ווינט־געברויז!

אויך דאָ, ווי דאָרט
דער זעלבער טראָט, —
אויף יעדן אָרט
דער זעלבער סוד.

ביים „גרענד־קעניאָן"

דער סוד אַליין
איז סוד פאַר זיך,
ווי שטויב, ווי שטיין,
ווי דו, ווי איך.

מיר ווייסן דען
אָט דאָ צו וואָס ?
געוועזן, געזען,
און דאָך נישט דאָס!

געטראַכט, געקלערט,
געמיינט, אַז אָט,
און באַלד עס ווערט
אַ נייער סוד.

וואָס בייט די ערד
זיך אַזוי שנעל ? —
זע, זע, עס ווערט
דאָס גרינס שוין געל.

און נישט נאָר זי,
דער הימל אויך, —
אָט ערשט אַ גלי,
און שוין אַ רויך!

מיט שטילע טריט
אַהער, אַהין, —
אַ ליד, מיין ליד,
וואוהין ? וואוהין ?

ז. ווײַנפּער

אַפּיל

עפּעס רעדט איצט צו מיר,
עפּעס בעט איצט ביי מיר, —
אַלץ אַלץ איז צערעדט,
אַלץ, אַלץ איז געבעט,
און איך בין גרייט
מיט אַזוי פיל פרייד
געבן אַלצדינג פון זיך, —
מיין העמד, מיינע שיך,
און אויך זיך.

און דער סוד איז אַלץ נאָך אַ סוד

און אַז אַטאָם איז שוין ענדלעך צעשפּאַלטן,
איז סוד אַלץ נאָך אַ סוד.
ווי טיף עס איז באַהאַלטן
פון אונדז דאָס פּנים פון גאָט!
אָט דאַכט זיך אַנטפּלעקט
און דאָך איז אַלץ נאָך פאַרדעקט
פאַר אונדזערע אויגן.
אַ פאַווע געפלויגן, —
זי פליט נאָך אויך איצט,
און ווער עס זיצט
און פוילט זיך צו גיין
איז געגליכן צום שטיין,
וואָס איז בלינד און איז טויב.
אַ לויב! אַ לויב! אַ לויב!
צו דעם אומרו פון טראָט
אין זיין גאַנג צו דעם סוד
פון דעם אחד.

אונדזער אומרו צעברויזטער,
געפרייזטער, געגרויסטער
איז אין זיך אַליין אַ גרויסע באַשאַפונג.
אַ ליד פון וואונדערלעכער פאַרגאַפונג
גייט אויף איבער אונדז און פרישט אונדז, דערפרישט, —
אַ רחמנות אויף דעם, וואָס הערט דאָס נישט!

ז. װײַנפּער

אויפֿן װעג צום גרויסן עיקר

חיה׳לע גרובער — אַ מתּנה

פּחד און דערהויבונג,
ציטערדיקע דבקות.
שטילע נײַע גלויבונג,
טונקל שװערע ספקות.

פֿאַװע, פֿאַװע, ניטע,
פֿאַל נאָך נישט אַרונטער, —
װעלטן אויפֿגעבליטע
גײען נאָך נישט אונטער.

ספק פֿאַלט אַנידער,
צאַפּלט זיך, צעפֿאַלט זיך, —
גאָט אין מײַנע גלידער
זינגט אויף און צעשטראַלט זיך.

לופֿטיקײט אַרום מיר,
איך פֿון לופֿט בין גרינגער, —
גאָט איז נישט קיין שטומער, —
ער אין מיר — דער זינגער.

הערט נאָר סאַראַ זינגען, —
הלל־הללויה!
זילבער־גלעקער קלינגען
הלל־הללויה.

הערט נאָר סאַראַ ניגון,
װאונדערלעך, דערהויבן.
אַרום מיר זיך װיגן
װעלטן פֿול מיט גלויבן.

ביים „גרענד־קעניאָן״

וועלטן אויסגעבריטע,
וואונדערלעך, דערהויבן.
וועלטן העל צעגליטע, —
צאַפּלדיקע טויבן.

טויבן גרינגע, ווייסע,
און אַזעלכע שטילע, —
וואונדערלעכע מעשה,
וואונדערלעכע תּפילה!

וואונדערלעכע תּפילה
ענדלעך איז באַנומען, —
סליחה ומחילה
איז צו אונדז געקומען.

ווער בין איך? פון וואַנען?
און וואוהין מיין וואַנדער?
אומעטום פאַראַנען,
אומעטום אַן אַנדער!

גאָט אויך נישט דער זעלבער,
ערד איז אַ צעבליטע, —
מענטשן נישט, ווי קעלבער,
מער שוין צו דער שחיטה.

ליכטיקייט פון שאָטן
רייסט איצט שטיקער, —
גאָרנישט איז פאַרבאָטן
אויפן וועג צום עיקר!

ז. ווײַנפּער

צו אַ נײַער טיר

די ערד האָט זיך געוואַשן אין זילבערנעם טוי.
זי האָט אויפגענומען דעם מאָרגנגרוי,
ווי האָרעפּאַשניק נעמט אויף זײַן מלאכה גאַנצפרי.
די זון האָט זיך דורכגעריסן מיט איר ערשטן גלי,
און דאָ און דאָרט האָט אַ שפּיל געטאָן מיט גאָלד און ראָז.
אַ ווינטל־בלאָז
האָט זיך אַ יאָג געטאָן אויפן גראָז,
און כאַטש עס האָט נאָך געטראָגן די קילקייט פון דער נאַכט,
האָט דאָס דעם קאַיאָר, וואָס האָט ביסלעכווייז אויפגעוואַכט,
אָנגעהויבן אַרײַננעמען אין זיך,
און איך,
זישע בן ברכה הקטן,
האָב שווײַגנדיק געטראָטן
מיט שטילע, לופטיקע טריט,
און אַזאַ אויפגעלויכטן ליד
האָט זיך אַ וויג געטאָן אין מיר
צו דער שוועל פון גאָר אַ נײַער טיר.

די נייע טיר

די נייע טיר!
וואָס איז אַהינטער איר?
וועל איך דאָרט געפינען
אַ געבליבענעם סימן פון אונדזערע רואינען?
צי עס זיצט דאָרט דער חלום פון מיינע טעג און נעכט
און פלעכט
אַ קרענצל בלומען
פאַר מיין קומען?
צי אפשר גאָר
וואוינט דאָרט די נייע וואָר, —
דער סוד
פונעם אחד,
וואָס איז פאַר מיר אַזוי פאַרהילט
און איצט איז ער צעשפּילט
אין זיין אַנטדעקן זיך,
אין זיין אַנטפּלעקן זיך
פאַר מיר?

די נייע טיר!...
זע, זע, אַזוי פיל שיינקייט אין שטילער פאַרגליווערונג,
און איבער איר אַזוי פיל שימערונג
פון נאַר־וואָס אויפגעוועקטע שטראַלן.
ווער איז דער גאָט, וואָס איז באַפאַלן
די שיינקייטן דאָ מיט אַזאַ גרויזאַמער נקמה?
עס פיבערט דאָ אַ פאַרשמאַכטע נשמה,
און דאָס לשון ביי איר איז אָפּגענומען!
איך בין אַהער פון וייט געקומען
מיט בענקשאַפט נאָך שיינקייטן אין מיין געמיט,

ז. ווײַנפּער

מיט ציטער אין מײַנע טריט
און מיט ליד,
און זע, די שײַנקײטן אינעם גראַניט
באַגעגענען מיך מיט אַ שווײַגן,
ווי דרימלדיקע פֿייגל אין שטײַגן,
וואָס האַלטן די קעפּ אין די פֿליגל פֿאַרבאָרגן,
און אַזאַ שווײַגנדיקער איז דאָ דער פֿרימאָרגן.

די נײַע טיר?
וואָס איז אַהינטער איר?
איז דאָרט פֿאַר מיר
אָנגעגרייט
אַ נײַע פֿרייד,
וואָס שוימט, ווי ווײַן?
צי גאָר אַ פֿרישע פּײַן
אין אַ גרויער קרוג,
ווי אין דער פֿריערדיקער וואָלט שוין נישט געווען גענוג?
איז וואָס־זשע זאָל אַזאַ, ווי איך,
דאָ טאָן מיט זיך?
אַ מענטש טוט אויס די שיך
פֿאַר אָט אַזוינס און קניט אַנידער.
איך פֿיל אַ ציטערניש אין אַלע מײַנע גלידער
פֿאַר אָט דער אויסטערלישער וועלט,
וואָס איז באַשוועלט,
באַטירט
און דאָך אינגאַנצן אומבאַרירט.
אָט דאַכט זיך דיר אַן אָפֿענע, און באַלד אַ צוגעמאַכטע.
אַ וועלט אַן אויסגעטראַכטע,
אַ נישטדאָגעדאַכטע,

ביים „גרענד־קעניאָן“

און דאָך, ווי קלאָר!
אַ וואָר,
און דאָך קאָשמאַר.
אַן אַנטוישטער גאָט האָט אין זיין צער
פאַרגליווערט זיך אַליין
אין שטומעניש פון שטיין.

ז. װײַנפּער

און אפשר בין איך נאָך נישט געבוירן?

אַ װעלט אין קילער, שטאַרער פּאַרגליװערונג,
און איבער איר אַ ציטערדיקע שימערונג
פון בלענדנדיקן ליכט און שװײגנדיקן שאָטן.
איז װאו־זשע איז עס איצט זישע בן רב יצחק לייב הקטן?...
בין איך אין סדום, — די שטאָט פון פעטער לוט׳ן,
אײדער נאָך עס איז פון איר אַ הויפן זאַלץ געװאָרן?
דער פעטער זשליאָקעט װײַן פון אַ הירשן־האָרן
און רעדט דערבײַ מיט זײַן צונג, דעם גלאַטן,
רכילות אויף מײַן גוטן טאַטן
און אָרנטלעכן ײִדן, —
װאָס האָט דער פעטער לוט, דער שיכור, צו זײ בײדן?
נו יאָ, אַזוי איז שוין דער מענטש, װי נאָר ער װערט פאַרמעגלעך
װערט אים דער צװײטער אומדערטרעגלעך,
און ער מוז אים שוין באַרײדן.
און פּלוצלונג בין איך גאָר דער ײַדע אדם אין גן־עדן!
אַ װאַלד מיט בײמער, נאָר איך װיל דווקא נאָר זיך קלײדן
אין די שענסטע פײַגנבלעטער — טשיקאַװע,
װאו איז ערגעץ איצט מײַן װײַבל חוה?
זי זוכט אַוודאי אום אַ פײַגנבוים און שװער איז צו געפינען,
װײַל אַלץ אַרום איז אין רואינען.
װער־זשע האָט דאָס אַלץ געטאָן? װעלכער בײזער כוח?
עפּעס טונקלט זיך אין מיר, — אַזאַ שװערקײט אין מײַן מוח
און אין מײַן געמיט,
װי אַלע בערג דאָ פון גראַניט,
װאָלטן מיך אין זיך פאַרשמידט.
שפּעטער דאַכט זיך מיר, אַז איך בין גאָר נאָך נישט געבוירן, —
נשמה מײַנע בלאָנדזשעט אום פאַרלוירן

צווישן עפּעסן, וואָס האַלטן ערשט אין יערן,
כדי שפּעטער, שפּעטער עפּעס דאָ צו ווערן.
אַ גאָט, זאָל כאָטש אַ גוטע מאַמע מיך געבערן!
אַ מאַמע, אָט אַזאַ, ווי איך האָב ערגעצוואו באַגעגנט,
און באַלד מיט איר זיך שטיל געזעגנט.
ווער איז זי געווען?
וואו האָב איך זי געזען?
און ווען?
מסתמא
איז זי געווען די גוטע מאַמע,
וואָס האָט מיך אין אַ פריערדיקן דור דערצויגן.
געהאַט האָט זי אַזעלכע בלויע, ווייכע אויגן
און פינגער
גרינגער
פונעם ווינטל איצט אויף מיינע האָר.
איך וועק זיך אויף, — די וואָר
אַן אויסטערלישע שוויגיקייט אַרום,—
זי קוקט אויף מיר אַזוי שווייגנדיק און שטום,
כאָטש זאָגן, זאָגט זי עפּעס דווקא יאָ.
איך הער די רייד, כאָטש נישטאָ
קיין סימן פון אַ קול
נישט פון באַרג און נישט פון טאָל.
די לופט אַפילו
איז ווי אַ שטילע
תפילה,
וואָס האַלט דעם אָטעם איינגעהאַלטן
פון שרעק פאַר דעם, וואָס ליגט אָט דאָ באַהאַלטן
און לויערט פון די שטיינערדיקע שפּאַלטן.

ז. ווײַנפּער

יענע מאַמע

יענע מאַמע! — וואו רוט איצט איר הייליק און טייער געביין?
אַט זיץ איך דאָ אַ גליווערדיקער אויף אַ שפּיץ פון אַ שטיין
אין מיטן פונעם שווייגנדיקן, גליווערדיקן גרענד־קעניאָן,
און טראַכט פון דער גוטער מומע עניען,
וואָס איז די איינציקע ביים לעבן דאָ געבליבן.
וויפל מאָל האָב איך צו איר שוין בריוו געשריבן,
און הער פון איר קיין אָפּרוף נישט, ווי פון אַ קבר.
אַט זע איך פאַר די אויגן דעם ציטער פון מיין מאַמעס יעדן אבר,
און דאָס וואַקלעניש פון אירע טריט,
ווען איך האָב צו איר גערעדט וועגן אַ מצבה פון גראַניט
אויף טאַטנס קבר לזכרון.
ווי בלייך עס איז געוואָרן
איר אײדל פנים:
— מיינע שונאים, מיינע שונאים, —
האָט זיך צעמורמלט די גרויל
פון איר מויל, —
— ווי אַזוי וועט ער אויפשטיין צום שופר של משיח? —
האָט זי ציטערדיק געפרעגט, און איך
האָב שוין געשטעלט אַ „ציון” פון האָלץ מיט אַ בלעכן דעכל:
— דאָס וועט זיין פאַר אים אַ שטילער, רואיקער היכל
ביז משיח וועט אים אויפוועקן מיט אַלע יידן אינאיינעם, —
האָט זי געזאָגט און דערביי אויפן הימל, דעם ריינעם
געקוקט אַזוי פאַרטראַכט.
ווען זיסיע דער חזן האָט „אל־מלא” געמאַכט
און איך האָב קדיש געזאָגט, האָט זי די אויגן פאַרמאַכט,
געמורמלט פאַר זיך מיט ווערטער שטילע, —
וואָס איז דעמלט געווען איר תפילה?

וי רואיק און פאַרטראַכט און צעגליט
עס איז איצט דער גראַניט
פונעם קעניאָן!
גאַנץ אַנדערש איז געווען דאָס פּנים ביי דער מומע עניען,
וואָס האָט געווישט מיט די שפּיצן פונעם קאָפּ־טיכל די אויגן,
ווען די מאַמע איז געשטאַנען געבויגן
איבערן טאַטנס מצבה.
עס איז דאָך גאָרנישט געווען איר טבע
צו רעדן אַזעלכע רייד, ווי זי האָט דעמלט גערעדט,
און איך איר זון, דער פּאָעט,
וואָס איז פון מרחקים געקומען,
האָב דאָך באַנומען
און געשלונגען אירע רייד.
שפּעטער האָט אַזאַ שווייגנדיקייט אונדז באַלייט
אַרויס פון בית־עולם.
איך האָב, ווי אַ גולם
צו עניים צדקה געטיילט,
און זיי האָבן מיר וועגן טאַטנס לויטערקייט דערציילט.

וואוהין איז פאַרוואַלגערט געוואָרן דער מאַמעס טייערער גוף?
איך רוף און איך רוף און איך רוף,
און קיינער ענטפערט נישט.
פאַרווישט,
פאַרמעקט,
פאַרדעקט
און פאַרשטומט,
און דאָך, ווי צעברומט
עס איז איצט מיין האַרץ אָט דאָ ביים שווייגיקן קעניאָן!
היינט אָוונט וועל איך ווידער שרייבן צו דער מומע עניען

ז. ווײַנפּער

אויפֿן אַדרעס פֿון אוזבעקסטאַן,
אָדער אפֿשר איז זי איצט אין בירָאָבידזשאַן?
צי גאָר אויפֿן וועג אינעם לאַנד פֿון די אָבות,
וואָס ענגלאַנד האָט אונדז צוגעזאָגט אויף קאַטאָוועס
און איצט ווערט זי אַ געפֿאַנגענע געפֿירט קיין ציפּערן?
סײַ־ווי וועל איך שרײַבן, — אפֿשר וועט זי פֿאַרט דערהערן?
איך וועל פֿרעגן אויף דער שוועסטער אויך,
וואָס איז אַוועק מיטן רויך
אין דער אוקראַינע,
אַ שוועסטער מײַנע! —
דער מאַמעס בת־יחידה כאַנקע!
אוי האָט דאָס אַ וואַקכאַנאַליעדיקע הוליאַנקע
די רשעות זיך געמאַכט פֿון אונדזער בלוט!
געדאַרפֿט וואָלט זיך אין אַ בײַטשנדיקער רוט
פֿאַרוואַנדלען איצט מײַן ליד,
נאָר מיד בין איך, מיד, אַזוי מיד,
ווי עס איז איצט יעדער צעבראָכענער ייד
אומעטום, אומעטום, אומעטום.
אַזוי האַרט און קאַלט און שטום
קוקט איצט אויף מיר אַ וועלט פֿון שטיין, —
וואָס גייט איר אָן, דאָס געוויין
פֿון אַ מענטשלעך געמיט?
די וועלט איז גראַניט!

איז האָב זשע, מאַמע, נישט קיין פֿאַראיבל,
וואָס איבער דיר איז נישטאָ קיין שטיבל
מיט אַ בלעכן דעכל.
דו ביסט אינעם היכל

פון מיין וואָרט.
וואָלט איך געוואוסט דאָס אָרט,
וואו דיין קבר איז,
וואָלט איך געקומען באַשטויבן די פיס
פון מרחקים מיטן שטויב איבער דיר.
זע, זע, — עפּעס אַן אויסטערלישער קאָליר
האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן פון ערגעצוואו —
— אַ מאַמע, איז עס דו?
ווער דען איז עס אַזוי צעבלענדט און צעגליט
איבערן גראַניט?
איך וואָלט געשוואוירן — טריט!
איך וואָלט געשוואוירן — אַ קול
גייט אויף פונעם טאָל
און רעדט
אַזוי ווייך, ווי אַ גלעט,
און עס זאָגט אַזוי צו זאָגן:
— מען דאַרף איבערטראָגן,
וואָרים גאָט ברוך הוא ווייסט, וואָס ער טוט.
אַז אים איז ניחא געווען די רוט,
איז נישט שייך קיין טענות צו האָבן.
מי באש ומי במים און ווער עמען לעבעדיק באַגראָבן.
אויב אים, וואָס די הענט נישט געוואַשן,
איז ניחא געווען, אַז דייטש זאָל צעאַשן
דאָס לייב, דאָס געביין,
איז ניטע זשע וויין,
זון מיין ליבער,
טראָג איבער,
טראָג איבער,
און נעם אָן פאַר ליב.

ליב!
ליב!
ליב!
אָ מאַמע, פֿאַרגיב!
זע, זע, עס ציטערט מײַן ליַפּ,
מײַן יעדער אבר,
װען איך הער פֿון דײַן קבר
די זעלבע הכנעה אין קול,
װי אַמאָל,
און אַמאָל,
און אַמאָל!

װער ביחא?
װאָס ביחא?
אַ גאָט פֿון רציחה?
װען מײַנע קינדערשע טריט
זענען אױפֿגעגאַנגען, װי צװיט,
אונטערן שוץ פֿון דײַנע הענט
האָט דײַן הכנעה געבלענדט
אין מײַנע אױגן,
װי די זון אױף די סטױגן
אין פֿעלד.
אַזױ פֿיל ליכט האָט געקװעלט
פֿון דײַנע לױטערע רײד,
זײַ האָבן רחמים געשפּרײט,
און אױף מײַן האַרץ זיך געקריצט,
אָבער איצט
איצט?
איצט?

ביים „גרענד־קעניאָן״

איך קאָן נישט מער!
אַ גאָט מיט געוועור?
אַ גאָט מיט אַ בייטש?
אַ גאָט מיט אַ דייטש?
אַ מאַמע, פאַרגיב,
איך נעם נישט פאַר ליב,
אַפילו נישט גאָט צוליב,
אַפילו נישט דיר צוליב, —
אַ קללה אויפן לעבן,
וואָס וועט דאָס פאַרגעבן?

דער אויסטערלישער קאָליר
האָט שטיל אַרום מיר
געציטערט, געציטערט.
מיין האַרץ האָט געוויטערט
און ווי זשאַר זיך צעגליט
צווישן ווענט פון גראַניט.

ז. ווײַנפער

על חטא שחטאנו

על חטא שחטאנו, —
איך שטײ, ווי אַן עני
בײַם צעבראָכענעם טויער
פון אונדזער טרויער
און זוך נישט צו געפינען
קײן טרײסט אויף די רואינען.
פאַרסמט איז אין מיר דער באַגער.
אוי ווער־זשע, ווער
וועט אָנצינדן אַ קנויט
נאָך אונדזער טויט ?
ווער וועט בלײַבן
צו פאַרשרײַבן
דאָס זײַן,
די פּײַן,
די שײַן
פאַר די קומענדיקע דורות ?
פאַרלאָשענע מנורות,
ווי קײנמאָל נישט געברענט ?
ווי קײנמאָל נישט געבלענדט ?

על חטא שחטאנו, —
איך שטײ, ווי אַן עני
אַנטקעגן דעם וואָרעם, וואָס קריכט פון דער נידער.
ער פאַלט אויף צוריק און הויבט זיך אויף ווידער.
וואָס טרײַבט אים ? וואָס ציט אים ? וואָס וויל ער ?
זײַט שטילער, זײַט שטילער !
נישט פרעגט בײַ דעם לעבן,
וואָס האָט עס צו געבן,

נאָר לעבט אייער חלק,
ווייל לעבן איז הייליק.

על חטא שחטאנו, —
איך שטיי, ווי אַן עני
פאַר מיינע אייגענע זינד.
עס טרעפט — מען איז בלינד,
און מען דערזעט נישט אַמאָל
דאָס חשבות פון טאָל.
עס טרעפט,—מען פאַרשפּילט זיך מיט קלאַנג פונעם אייגענעם קול
און נישט מיטן עיקר.
עס טרעפט, אַז אַ שטריקער
דערזעט דעם ציל
פון זיין שטריקן אינעם שפּיל
פון קאָלירן
און לאָזט זיך פאַרפירן.
שפּעטער צאָלט ער דערפאַר.
ווי, ווי, — דער צער
אין אונדזערע געמיטער
איז איצט קאָסע אין האַנט פונעם שניטער
אויף חרובער וועלט.
אַ קראָ איז צעקראַקעט, — זי שעלט,
ווייל צערויבט איז דאָס פעלד
פון פאַדלע אַפילו.
אַ ווינטל טוט תפילה
ביי צעלעכערטע שויבן.
אַ חלף אויף העלדזער פון טויבן
שטילע און ווייסע,
אַן איבערגעריסענע מעשה
אין דער מיטן,

ז. ווײַנפּער

אַ רײַטער, וואָס איז נישט דערריטן.
און איך?
איך מורמל צו זיך
און צאַפּל און ציטער,
ווי אַ בוים אין געוויטער.
איך מורמל פֿון צווישן די ציין
צו זיך אַליין:
— פּה נקבר! —
וואָס געווען איז נישט באַזיגבאַר
איז נקבר!
איז נקבר!

דער עבר
נישטאָ מער,
און וואָס איז געבליבן?
דער ווינט האָט געטריבן,
צעטריבן,
פֿאַרטריבן,
און איך האָב געשריבן
מיט פּען אויף פּאַפּיר.
אַז וויי איז צו מיר!
אַז וויי איז צו דיר!
אַז וויי איז אונדז אַלע!
גיי ווער איצט נתעלה,
אַז תּירוץ
איז שרץ!

על חטא שחטאנו, —
איך שטיי, ווי אַן עני
ביים עבר.

נישטאָ מער,
נישטאָ מער
דער עבר!
דער הוה
איז אוי ווי,
און וואָס מיטן עתיד?
מיין טאַטע, דער חסיד
אין זיין לויטערן גלויבן
פלעגט זען אויך די שכינה אויף פאַרקאָפּטשעטע שויבן.
זיין וואָרט איז געווען ווי דאָס וואָרקען פון טויבן, —
אוי טאַטע, פאַרוואָס האָבן די טכוירן דערוואָרגן דעם גלויבן, —
די טויבן,
די ווייסע?
אַמאָל און אַמאָל איז געווען אַ מעשה
מיט טייבעלעך ווייסע,
און איצט?
זע, זע, ווי עס קריצט
זיך אויף דעם, וואָס געווען איז נישט באַזיגבאַר
דער פּה נקבר!

איך ווייס, אוי איך ווייס, אַז זינדיק איז דאָס וואָס איך זאָג!
דאָס וואָרט און געקלאָג,
דאָס וואָרט און געיאָמער
איז לאמור, —
אַזוי צו זאָגן:
— דאָס שטענדיקע קלאָגן
איז שפּיז פאַר דעם אייגענעם האַרצן,
איז פאַרבן מיט שוואַרצן אויף שוואַרצן,
איז שטיין פאַר די אייגענע וואונדיקע פיס.

ז. וויינפער

אוי טאַטע, איך ווייס, וואָס דאָס איז!
אַזוינס פאַרגליווערט די גלידער
און ציט צו דער נידער,
דאָך זיץ איך,
דאָך קריץ איך, —
עס קריצט זיך אַליין
אויף יעדן פאַרבליבענעם שטיין:
— פה נקבר!
וואָס געווען איז נישט באַזיגבאַר
איז נקבר!
איז נקבר!

איז וואָס־זשע וועט זיין
מיט אונדזער פיין
און שיין
פאַר די קומענדיקע דורות?
פאַרלאָשענע מנורות,
ווי קיינמאָל נישט געברענט?
ווי קיינמאָל נישט געבלענדט?

על חטא שחטאנו, —
איך שטיי, ווי אַן עני
ביים אייגענעם טרויער.
ווי גוט, וואָס ביים צעבראָכענעם טויער
אויך דאָ איצט אַפילו
נישט טויט איז די תפילה.
הערט, הערט, ווי זי רעדט,
ווי זי בעט:
— נישטאָ מער
דער עבר?

דער הווה
איז אוי ווײ?
נישט ליגט אינעם קבר
דעם געבליבענעם אבר, —
דעם עתיד!
מײן טאַטע, דער חסיד
פלעגט זאָגן
אַזוי צו זאָגן:
— אַ מענטש וואָס צעשלאָגן
איז נאָך נישט דערשלאָגן.

דער ווינט האָט געבלאָזן,
צעבלאָזן,
פאַרבלאָזן.
איז דאָס וואָס איז איבערגעלאָזן
אויך חלק.
דאָס לעבן איז הייליק!
דאָס זײַן איז קדושה!
מיר וועלן דאָס ביסל ירושה
פון בזיון און יסורים
פאַרוואַנדלען אין אַ נײַעם טורעם.
מיר וועלן אויף פאַרבליבענעם שטיין
זיך אײַנעסן מיט נעגל און צײן, —
מיר וועלן אין ברוכוואַרג זיך רויען
און נאָכאַמאָל בויען און בויען
אויף אונדזערע רואינען,
דער עבר, דער הווה וועלן זיך מוזן אין עתיד געפינען!

ז. ווײַנפער

זיך מוזן!
זיך מוזן!
זיך מוזן!
דער רזין דרזין
וואַרט נאָך אַלץ ערגעצוואו
אויף אונדז מיט זיין שיינקייט און רו.

על חטא שחטאנו, —
איך זיץ, ווי אַן עני
מיט פען אויף פאַפיר.
אַז וואויל איז צו מיר!
אַז וואויל איז צו דיר!
אַז וואויל איז אונדז אַלע,
וואָס ווערן אויך איצט דאָ נתעלה.

נאָך וואָס? צו וואָס?

וואָס טו איך דאָ? וואָס אַזוינס האָט מיך אַהער געטריבן?
איז טאָקע גאָרנישט אויף דער ערד פֿאַרבליבן
פֿאַר מיינע אומרואיקע טריט
ווי בלויז דער שווייגיקער גראַניט?
זע, זע, פּאַלאַצן לאַבירינטיש מאָדעלירטע,
און נישט באַשוועלטע און נישט באַטירטע.
אַזוי פֿיל ווענט אָן פענצטער און אָן שויבן.
אַ וואַלד פֿון טורעמס און איבער זיי פֿון אויבן
אַ העלער, קילער, שוויגיק שטומער הימל,
ווי איבער אים וואָלט עמעצער געכאַפּט אַ דרימל
נאָך שווערער אַרבעט מיט דלאָטע און מיט האַמער.
עס שלאָפֿט אַ וועלט אין שוויגנדיקן שטיינגעקלאַמער
פֿאַרכישופֿט פֿון קאָשמאַרנדיקער נישטדאָגעדאַכטקייט.
אַן אויפֿגעפּראַלטקייט און דאָך אַ צוגעמאַכטקייט
אויף שלעסער און אויף ריגלען אייזערנע און שווערע.
בלויז דינער שטויב אויף רוקן פֿונעם ווינט אויף גאַסן לערע
זוכט שטום פֿון דעם אַרום זיך צו באַפֿרייען צו דעם דרויסן.
וואָס איז ער אין זיין זוכעניש און יאָגעניש איצט אויסן?
מסתמא דער זעלביקער באַגער, ווי איצט ביי מיר, זיך באַפֿרייען!
אַזאַ באַגער אין מיר, אַז עס ווילט זיך מיר אַזש שרייען,
נאָר קול מיינס איז אין האַלדז, ווי אָפּגענומען.
נאָך וואָס? צו וואָס בין איך אַהער געקומען?
איז דען אַן אָנגעצייכנטער געווען אַהער מיין וועג?
אָט ליגט דאָך נישט קיין אויסגעפּאַקטס דאָ מיין געפּעק
און גרייט איז דאָס פֿאַר ווייטערדיקע וועגן.

ז. ווײַנפּער

ווער ווייסט וואָס מיך דערוואַרט אויף דאָרט אַנטקעגן!
איך יאָג און טרייב זיך בלינד,
ווי אָט דאָס יאָגעניש פון שטויב אויף רוקן פונעם ווינט
אין זוכעניש דעם עפּעס אַנדערש צו געפינען.
אָפט פיל איך זיך אין פּלאָנטער, ווי אין אַ געוועב פון שפּינען,
כאָטש נעם און פרעס די אייגענע געוועבן
צוזאַמען מיטן לעבן,
און מיינע אויגן קוקן, קוקן,
און מיינע אַקסלען צוקן, צוקן.

ליבשאַפט

צוויי ווייסע וואָלקנדלעך איבער מיר פון אויבן, —
צוויי שטילע טויבן
אין דעם הימלבלוי
פליען און קרייזן אום זיך גלאַט אַזוי,
זיי גיסן זיך צונויף,
זיי לייזן זיך אויף, —
נישטאָ,
און באַלד שוין ווידער דאָ.
גרינגער ווערט די שעה
פון אַט דער ליבשאַפט איבער מיר.
אויך אַפילו דער גראַניט איז איצט אין ווייכערן קאָליר.
ליבשאַפט, ליבשאַפט, ביסט אַלץ נאָך דאָ אין מיר?
זאָג, אַ זאָג, אַ סימן גיב! —
ליב!
ליב!
ליב!
ליבשאַפט איז נאָך אַלץ אין מיר.
זע, זי זוכט אויף אַ האַרטן שטיין אַ טיר,
קלאַפּט אויף שטיינערדיקן טויער,
זוכט אַן אויער,
אַ האַנט,
אַ שטיל וואַנט
פון היימישדיקער שטוב, —
זאָל זיין אַ סלופּ,
אַבי זיך אָנצושפּאַרן.
דער צער פון אַלע צערן

ז. וויינפּער

וויינט איצט אין מיינע גלידער
אויף אומגעקומענע שוועסטער און ברידער.
ער וואַרפט מיך צו דער נידער, —
אין טיפעניש פון גריבער.
ליבשאַפט, ליבשאַפט, לאָז נישט איבער,
גאָרנישט איז אין מיר
אָן דיר!

באַהעפטקייט

אַן אומזיניקע באַשאַפונג,
פאַרגאַפונג,
געפּלעפּטקייט.
איך בין אין באַהעפטקייט
מיט אַ גרויסן סוד.
איך בין אינעם טראַט
פון אַן אומהיימלעכן גאָט.
ווער איז ער? וואָס ברענגט ער אין זיך מיט?
אַ גאָט פון גראַניט
אַנגעדרודלט, ווי אַ גולם,
און זע, אויך ער פאַרמאָגט אַן עולם,
וואָס פאַלט פאַר אים אין שטויב
און זינגט צו אים אַ לויב.
אַ לויב צו וועמען? און צו וואָס?
צום אומזיניקן ווינטל־בלאָז
אויף שווייגיקן גראַניט?
איך בין אַ ייִד!
אַ ייִד!
אַ ייִד!
אַ זון פון יענעם פאָלק, וואָס האָט זיין שייער
פאַרברענט אין פלאַם פון סיני־פייער
און דערביי צום אַש זיין קאָפּ געבויגן.
די צייט האָט אונדזער בלוט געזויגן
און דאָס פאַרוואַנדלט אין אויל פאַר שיינענדיקע מנורות
פאַר אַלע דורות.

ז. וויינפער

מיר זענען אומעטום דער ערשטער קרבן,
ווייל אונדזער גאָט איז קיינמאָל נישט געשטאָרבן.
און כאָטש ער איז די רוט,
וואָס קאַטעוועט ביז בלוט,
איז ער אונדז טייער.
מיר טראָגן אים דורך פלאַם און פייער,
דורך גאַזן און דורך רויכן
צו נייע הויכן
אין אונדזער וואַנדערן, —
מיר בייטן אים נישט אויף קיין אַנדערן!

מיט וועמען די באַהעפטקייט?
פאַר וועמען די געפלעפטקייט?

מ ע נ ט ש

אויב נישט דער אַלטער גאָט,
איז נייער מענטש, —
איך הער זיין טראָט
און בענטש.

ער קומט, ער קומט, איך הער
דעם עכאָ פון זיין גאַנג, —
ער טראָגט, ער ברענגט אַהער
אונדז ניי געזאַנג.

אַ גאָט פון שווייגיקן גראַניט
צעשטויסן האָבן מיר שוין לאַנג,
און אונדזערער איז גלי צעגליט
פון שטורעם און געדראַנג.

און אונדזערער — אַ מענטש, וואָס איז,
ווי געטלעכקייט אין ברויז, —
כאָטש קייט אויף זיינע הענט און פיס,
איז ער צעשפּאַנט פאַראויס.

פאַראויס, פאַראויס, עקשנותדיק
דורך יעדער צאַם און וואַנט, —
די לופט פאַר אים אַ בריק,
דער קאָסמאָס איז זיין לאַנד.

דער טויער ווערט צעפּראַלט,
דער שלייער אָפּגעווישט, —
פאַרבאָרגנס ווערט צעשטראַלט
און איז קיין סוד שוין נישט.

ז. ווײנפּער

און שײן איז ער דאָך אויך,
כאָטש שוין קײן סוד נישט מער,
ווי פײער אָן אַ רויך,
ווי קינדס אַ טרער.

און נישט ער בריט און נישט ער פּרירט,
אַ מילדער זײן באַריר, —
די אײביקײט שפּאַצירט,
און דו מיט איר.

די אײביקײט האָט צײט,
און דו אַזוי ווי זי, —
די נאָענטקײט איז ווײט,
די ווײט דאָ הי.

עס ווענט זיך, וואָס מען דאַרף,
עס ווענט זיך, וואָס מען וויל, —
דאָס לעבן שפּילט, ווי האַרף,
און שפּיל אַלײן איז ציל.

צו אָט אַזױנס דערגײן
וועט נישט קײן אויסגעטראַכטער גאָט,
נאָר מענטש, — דער מענטש אַלײן,
וואָס גראָבט זיך אינעם סוד.

דער גרויסער סוד,
וואָס איז נאָך נישט אַנטפּלעקט,
דער סוד פון דעם אחד,
וואָס איז פּאַרדעקט, —

וועט סוף כל סוף
פאַרוואַנדלען זיך אין וואָר,
און פונעם אַלעף ביזן תּאָוו
וועט ווערן קלאָר.

די קלאָרקייט פון קרישטאָל
אין מעשה פון דער וועלט,
און רעדן רעדט זי אויף אַ קול,
וואָס איז צעהעלט.

דאָס רעדן איז געזאַנג
און יעדעס וואָרט — אַ ליד, —
דער גאַנג צוליבן גאַנג,
ווייל גייענדיקע זענען טריט.

אַ חלום אָט אַזאַ, —
וואָס האָט ער פאַר אַ ווערט ?
זייט שטילער, שטילער שאַ, —
דעם חלום נישט צעשטערט.

עס איז אַ חלום פון אַ גאָט,
וואָס איז אַ מענטש, —
איך הער זיין טראָט
און בענטש.

ז. ווײַנפּער

נקמה

זעט אויס, אַז די וואָר
פון אונדזער דור
איז פאַרמשפּט צו מלחמה.
נישט איינצושטילן איז די נקמה
אין אונדזער בלוט
צו דער רוט,
וואָס איז נאָך אַלץ נישט צעבראָכן.
נישטאָ אַזעלכע יאָכן,
וואָס זאָלן אונדז צאַמען.
מיר זיינען דאָס אַש פון אַלע פלאַמען
צעשאָטן איבער ים׳ען
און וויפל די כוואַליעס זאָלן אונדז נישט שלינגען,
גייען מיר אויף און מיר זינגען
דאָס ליד פון מלחמה,
דאָס ליד פון נקמה.
מיר זיינען דער פאַרבליבענער ציטער
פון אַ מוראדיק געוויטער
מיט רציחהדיקע ריטער
אויף אונדזערע ביינער.
סאַראַ קנאה אין אונדז צו די שטיינער,
וואָס פילן נישט אין זיך די ירושה
פון בושה
און בזיון.
סאַראַ נסיון
צו זיין איצט אַ לעבעדיק־געבליבענער.
זע, זע, אַן אומגעטריבענער

ביים „גרענד־קעניאָן"

פון ברויזיקער נקמה,
בין איך אין מלחמה
מיט אייגענעם שאָטן.
דאָס בלוט פון זכריה הנביא האָט געזאָטן,
איצט זידט דאָס בלוט פון זעקס מיליאָן, —
איז וואָס זאָל איך טאָן?

ז. ווײַנפּער

אַ קול

שטיל.
שטילער נאָך פון שטיל.
גאָרנישט וויל?
גאָרנישט דאַרף?
אַ האַרף
און נישט קיין פינגער איבער איר,
וואָס זאָלן איבער סטרונעס טאָן אַ פיר, —
בענקען גאָרנישט אָט די סטרונעס נאָך אַ האַנט?
אַ וואונדער־שיין קאָלירִיק לאַנד
געמאָלן אויף אַ וואַנט,
וואָס שווייגט,
הער, הער, די שטילקייט שטייגט, —
אויך שטילקייט איז אַ קול!
עס שרייט דער שווייגנדיקער טאָל
צום שטומען שפּיץ פון באַרג דאָרט אין דער הויך.
אַ וואָלקן, ווי צונויפגעפּרעסטער רויך
צווישן וואָלקנס ווייסע, —
דאָס איז די מעשה
פון אונדזער וועלט, —
צעוואָלקנט און צעהעלט!
איז וואָס־זשע וויל דאָס שווייגנדיקע קול
פון שטומען טאָל?
איז דאָס די בענקשאַפט פון דער נידער צו דער הויך?
דער שפּיץ פון באַרג איז דאָרט, נו וויל דער טאָל דאָס אויך!
וואָס איז ער ערגער פונעם באַרג?
ווי קאַרג,
עס איז אויך די קרעאַטור

ביים „גרענד־קעניאָן"

פון דער נאַטור
אין גלייכקייט אויף דער וועלט!
דאָ צעהעלט,
און דאָרטן שאָטנדיק,
נישט אָנצוטאַפּן גאָרנישט מיטן בליק.
עס שרייט דאָס קול
פון טאָל,
עס שרייט אויף קולי־קולות צו דעם גאַנצן אַרום,
און אַזאַ מוראדיק געברום
פון עמעצן, וואָס איז אַ לעבעדיקער באַגראָבן אין אַ קבר
און דאָס געשריי נעמט דורך דיר יעדן אבר.

ז. ווײַנפּער

פאַררײגלטקײט

פאַררײגלטקײט,
פאַרזיגלטקײט,
כאָטש נישט קײן רײגל
און נישט קײן זיגל
איז אויפצוכאַפּן מיטן אויג.
די לופט אַן אויסגעוואַשענע אין לויג
פון פאַרפומירטן זײף
פאַרצויגן האָט אַ שלאָף
אויף יעדער רעגונג
און באַוועגונג,
אַלץ, אַלץ איז אָפּגעשטעלט.
פאַרזונקען אין אַ וועלט
פון טיפן שווײַגן.
די טורעמס, ווי די שטײַגן
און מײַנע אויגן זוכן אום די גראַטעס,
איך טראַכט, אַז גאָרנישט גלאַט איז
אָט דאָס, וואָס אַרום מיר.
איך זוך אַ טיר
צו די געפאַנגענע,
און אפשר לאַנג שוין אויסגעגאַנגענע
דורך רשעותדיקע הענט,
נאָר אַזאַ שטומעניש אויף אַלע ווענט,
אַז איך אַליין פאַרשטומט אויך ווער.
אַן אָנגעשטרענגטס איז מײַן געהער
צו אָט דער שטומעניש.
עס דאַכט זיך, אַז אָפּקומעניש

איז אָט דאָס אַלץ פֿאַר עפּעס גרויסע זינד.
אַ בלעזלדיקער ווינט
טוט דאָ און דאָרט אַ הויב
אַביסל שטויב,
און טראָגט דאָס שטיל פֿאַנאַנדער
אין אומזיניקן וואַנדער, —
וואוהין ?
אַהין ! אַהין !
צו וואָס ?
צי ווייסט עס דען דאָס ווינטלבלאָז ?
צו ווּעמען ?
אַ וואָלקן אין דער הויך, ווי אַ זקן מיט שווערע ברעמען
ציט זיך שוויגנדיק צום פּנים פֿון פֿרימאָרגן, —
אויך ער האַלט טיף אין זיך דעם סוד פֿאַרבאָרגן
פֿון די פֿאַרריגלטע,
פֿון די פֿאַרזיגלטע.

ז. ווײַנפּער

כדי צו קוקן און צו זען?

ווי לאַנג שוין, אַז איך זיץ דאָ אַט אַזוי?
געבראַכט האָט מיך אַהער דער מאָרגנגרוי
דורך חושך און צעווילדעטן קאָשמאַר.
זעט אויס, אַז מען קאָן נישט פונעם צער
זיך אויפהויבן און אַנטלויפן.
עס איז דיר נישט גענוג אַ באַנבילעט צו קויפן
און זיך אַ לאָז טאָן איבער שטרעקעס.
צי ווייס איך נישט, אַז מיט שטיינער און מיט טשוועקעס
איז דער פאָראויס אויף יעדן וועג?
נישט איינמאָל וועט די זעג
צעזעגן
בנינים אויף די וועגן,
וואָס בויען וועלן מיינע הענט,
און דאָך איז גוט צו לייגן נייעם פונדאַמענט
און הויבן איבער אים טורעמס צו דעם הימל.
עס איז, ווי אַלעף בית און גימל,
וואָס פירן צו דעם תּאָוו,
נאָר אויך דער תּאָוו איז נישט דער סוף, —
ער איז אַן אָפּשטעל בלויז פון עפּעס, וואָס איז אין מיטן.
זע, זע, וואָס אָפּגעשניטן
פאַרוואַנדלט זיך אין נייער זריעה פאַר דער ערד.
נישטאָ אַזוינס, וואָס איז פאַרצערט
און בלייבט נישט.
דער ווינט פאַרטרייבט נישט, —
ער איז נישט מער, ווי ווילן
זיך אומצושפּילן.
סאַראַ קעניגרייך

ביים „גרענד־קעניאָן“

די זעמדעלעך פון קאָלאָראַדאָ־טייך
האָבן דאָ פאַרזייט
און אויסגעשפּרייט, —
צו וואָס? צו ווען?
כדי צו קומען און צו זען?
כדי צו קומען און צו קוקן?
און מיט די אַקסלען צוקן?

ז. ווײַנפּער

העי, קינדער!

דער טורעמשפּיץ פּורפּלט זיך און גליט.
וואָס טוט אַ ייד
אין אַט דער שעה
אַט דאָ?
גאַרנישט, גאַרנישט טוט ער.
זון האָט אויפגעמאַכט די אויגן מיט דער צאַרטקייט פון אַ מוטער
צו אירע קינדער אויפן בעט,
איז גוט אַזוי אונטער איר אויגנגלעט.
באַלד, באַלד וועט זי אָנהויבן פרישטיק קאָכן,
נאָר זע, — די קינדער זענען זיך צעקראָכן
און קיינער איז אַרום איר נישט געבליבן.
וועלכער ווינט האָט זיי צעטריבן?
און אויף וועלכע וועגן?
זע, זע, קיינער קומט דער מאַמען נישט אַנטקעגן
אַ גוט־מאָרגן זאָגן.
כדאי געווען דאָס טראָגן,
געבערן,
דערנערן
און בלייבן אַליין
ווי אַ שטיין.
— העי, קינדער, קערט זיך אום אַהיים צוריק!
עס וואַרט אויף אייך דער מאַמעס בענקענדיקער בליק, —
דער אָנבייסן אירער פון טייגלעך מיט פּאַסאָליעס.
סאַראַ ליבע הענט, כאַטש פינגער מיט מאַזאָליעס!
דער טורעם שפּיץ
טוט זיך אַ צעבליץ

און גיסט זיך איבער איצט אין וויאָלעט, —
פאַרוואָס איז דאָ מיין האַרץ אַזוי צערעדט ?
אַבי איך האָב געמיינט, אַז שוויגיקער גראַניט
וועט אָנפילן מיט שוויגן מיין געמיט,
וועט איינשטילן דעם שטורעם, דאָס געוויטער, —
איך שטיי און ציטער,
ווי מאַסט אויף זינקענדיקער שיף.
דער אָפּגרונט לעבן מיר איז אַזוי טונקל, אַזוי טיף, —
עס גרייכט צו אים דאָך נישט דער טורעמשפּיץ צעגליטער,
און איך ? — איך שטיי און איך ציטער.

ז. ווײַנפּער

די דײַטשן

דער מאַרגנגרוי איז אומבאַמערקט פֿאַרשוואונדן.
דאָס ליכט פֿון טאָג האָט זיך צעצונדן,
און זיך צעקאַפּעט מיט טריפֿנדיקע טראָפּנס,
ווי פֿון די געלע וואַקסן־ליכט צוקאָפּנס
אַרונס אַנגעפּילט מיט טויטע.
טורעמס אַרום מיר, — פּאַלאַצן נישט דערבויטע,
ווי קרישלענדיקע שטיין־מצבות איבער מאַסן־קבֿרים.
אַ בייזער גאָט האָט שווער אַראָפּגעלאָזט זײַן אָרעם
און לאַנג האָט געדויערט ביז ער האָט געשטילט זײַן צאָרן.
זע, זע, וואָס דאָ איז געוואָרן
פֿאַר שווערע זינד באַגאַנגענע.
עס ציטערט נאָך אין לופֿט דער לעצטער צאַפּל פֿון געהאַנגענע,
פֿון אַטעמדיקע בריסטן דורכגעשטאָכענע,
פֿון קינדער־גלידערלעך צעבראָכענע
אויף האַרטע שטיינערדיקע ווענט,
פֿון מענטשן אין די גאַז־אויוונס פֿאַרברענט,
פֿון טויט־דערשלאָגענע אונטער קנאַלנדיקע בײַטשן, —
אַ גאָט, צי האָבן נישט געלעבט אָט דאָ די דײַטשן?
יאָ, יאָ, נישט אַנדערש, ווער דען אויב נישט די שענדער
פֿון גאָט און מענטש אין אַלע לענדער?
איז זיי געבענטשט, אַ גרויזאַמע האַנט פֿון שטראָף,
וואָס האָט געבראַכט אויף זיי אַזאַ מין סוף
און זיי פֿאַרוואַנדלט אין פֿאַרגליוועורונג.
אַ ווייטיק איז נאָר אויף דער שימערונג
פֿון ביסל ליכט אין אָט דעם ים פֿון שאָטן.

ביים „גרענד־קעניאָן"

װען איך װאָלט גאָט געװען, װאָלט איך פֿאַרבאָטן
דער זון, לבֿנה און אַלע שטערן
די שאָטנס דאָ מיט ליכטיקייט צו נערן.

װען איך װאָלט גאָט געװען? אַ גאָט? איך?
אַ ציטער נעמט מיך דורך און ברענגט מיך גיך צו זיך,
און אַזאַ פּיין הויבט אָן זיך איבער מיר צו בײַטשן
הלמאי איך האָב די שאָטנס דאָ פֿאַרגליכן צו די דײַטשן!

ז. ווײַנפער

צו טריט, וואָס זענען נישט דערגאַנגען

מײַן ליד
צו טריט,
וואָס זענען געגאַנגען
און נישט דערגאַנגען,
אַט שטײ איך איצט געפֿאַנגען
פֿון אַ מעשׂה
אַזאַ ווײַסע,
וואָס איז געבליבן
נישט דערשריבן, —
זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן,
אין דעם נאָכמיטיק, דעם צעגליטן
ווײַנען אַטראָפּירטע פֿינגער,
אַ קול פֿון אַ פֿאַרשטומטן זינגער,
טויטע הענט פֿון פֿאַרזײער,
גליוועדיקע טריט פֿון גײער.
זע, זע, ווי אויסגעצערט
עס איז די ערד!
זי איז אַ לערע, הענגענדיקע בריק,
אַ לערע וויג
אויף ווײַכע, דורכגעפּוילטע שטריק,
וואָס ציטערן
און וויטערן.
אַ רגע דאַכט זיך, — אַלץ איז אויס,

ביים „גרענד־קעניאָן"

דער קאָסמאָס אין געברויז,
צעפּאַלט אויף שטיקער.
דער גאַנצער עיקר
פּאַלט פאַנאַנדער,
און יעדער שטיק אין וואַנדער
אין קאָכעדיקן רוים.
זע, זע, איך בין אַביסל שוים
פון עפּעס, וואָס האָט ערשט געזאָטן,
אַן עכאָ פון אַן עפּעס, וואָס האָט ערשט געטראָטן,
אָ ווידערקלאַנג
פון אַ גרויס געזאַנג,
וואָס איז פאַרשטומט
און דאָך אַזוי צעברומט, —
דאָס ברומט אין מיר אַזוי דאָס ליד
צו יענע טריט,
וואָס זענען געגאַנגען
און נישט דערגאַנגען.

ז. ווײַנפּער

זעט אויס

זעט אויס, אַז ווער עס זוכט אַוועק צו גיין
פון זיך אַליין, —
פון אייגענעם געמיט,
דערגייט מיט זײַנע טריט
סײַ־ווי צוריק צו זיך.
אַ שטיקל מענטשנס איך,
און זע, ווי רײַך און פול!
וואָס איז די שיינקייט דען,
אויב נישט סטימול
נאָך שענערס צו דערזען?

צי ווייסט דער שטיין,
צי מיאוס, צי שיין
ער איז?
ווען מען האָרץ טוט זיך אַ ריס
פאַראויס
אין ברויז
צו עפּעס, וואָס איז גרויס? —
עס איז דעם מענטשנס בלויז!

ווער זינגט עס איצט אַ ליד
דערהויבן און צעגליט, —
פאַרגליווערטער גראַניט?
אַ ניין!
דער שטיין,
דער האַרטער
איז גולם אַ פאַרשטאַרטער, —

ביים „גרענד־קעניאָן"

דער זינגער, דאָס בין איך!
אַ מענטש טוט אויס די שיך
דערהויבן און צעגליט,
און טרעט מיט שטילע טריט
פֿאַר יעדער זאַך באַזונדער,
וואָס קוקט אים אויס, ווי וואונדער,
און טראַכט גאָרנישט, ווי ניי
און שיין
ער איז דערביי
אַליין.

ז. ווײַנפּער

זינג, מײַן האַרץ!

זינג, זינג מײַן האַרץ
אַזוי, אַזוי אַזוי!
וואָס שוואַרץ
וועט ווערן בלוי,
וואָס שווער
וועט ווערן גרינג.
זע, זע, ווי לער
עס איז דער מיט פון רינג!
קום, קום און פיל אים אָן
מיט דײַן געזאַנג,
מיט פלאַטערדיקער פאָן,
מיט גאַנג.

זינג, זינג מײַן האַרץ
אַזוי, אַזוי, אַזוי!
דאָס שוואַרץ
וועט ווערן בלוי,
וועט ווערן העל.
די מיל
וועט מאָלן מעל
און שטיל
וועט וואַסערפאַל
זיך ציען פונעם באַרג.
זע, זע, אַ שטראַל! —
נישט קאַרג
איז ער מיט גלי, —

ביים „גרענד־קעניאָן"

וואָס איז געווען נישט הי
קומט אָן, קומט אָן
און איז צעגליט.
אַ פלאַטער פון אַ פאָן,
אַ ליד, —
זע, זע, ווי העל
עס ווערט די שוועל,
די טיר,
פאַר דיר,
פאַר מיר!

ז. ווײַנפּער

דער מאַן מיט דעם געקאַרבטן שטערן

— דאָס איז די קרעאַטור
פון דער נאַטור! —
לאָזט פלוצלונג זיך אַ קול דערהערן.
אַ מאַן מיט אַ געקאַרבטן שטערן
און לאָקן, ווי פאַרוויאַנעט גראָז,
פאַריכט די ברילן אויף דער נאָז
און רעדט, דערציילט, דערקלערט
די וואונדער אויף דער ערד, —
די וואונדער פונעם דומם.
דער עולם הערט און איז נשתומם, —
ער הערט אין נייגעריקן פיבער
און חזרט איבער:
— דאָס איז די קרעאַטור
פון דער נאַטור.

נאָר ווען דער מאַן מיט דעם געקאַרבטן שטערן
הויבט אָן דערקלערן
דעם קאָלאָראַדאָ טייך,
וואָס איז אַ קעניגרייך
פון זעמדעלעך־סקולפּטאָרן,
צעבייזערט זיך אַ גלחל מיט צאָרן
און הויבט אָן איריטירט צו שטערן:
— קומט, קומט, מען טאָר אַזוינס נישט הערן! —
צעברומט ער זיך און צלמט זיך מיט פרומקייט.
אַ שווערע און פאַרשטאַרטע שטומקייט
פאַרשטאָפּט דאָס מויל פון דעם דערקלערער.
דאָס אָרט הויבט אָן צו ווערן לערער.

ביים „גרענד־קעניאָן"

און באַלד איז שוין נישטאָ קיינער דאָרט אים אויסצוהערן.
דער מאַן מיט דעם געקאַרבטן שטערן
און לאָקן, ווי פאַרוויאַנעט גראָז,
דריקט נערוועזער די ברילן צו דער נאָז,
און מיט די בליקן וויַיט פאַרקוקטע,
און מיט די אָקסל שטום צעצוקטע,
צעברומט ער הויך זיך אויפן קול,
און דאַכטן דאַכט זיך, אַז עס ברומט דער גאַנצער טאָל:
— איך בין די קרעאַטור
פון דער נאַטור!

ז. וויינפער

און שטיל און שאַ

גערדאַנק אין שטיין, —
אַ שטיינערנער גערדאַנק!
אַזוינער וועט נישט גיין
פאַר דיר קיין גאַנג!

אַזוינער שטייט
און קוקט דיך אָן, —
אַ וועלט פאַרגייט,
וואָס גייט אים אָן?

אַ וועלט פאַרגייט,
נאָר ער איז דאָ, —
די אייביקייט
פאַר אים אַ שעה.

ער איז צעבלענדט
פון אייגענעם באַזיץ, —
דער פונדאַמענט
און העכסטער שפּיץ.

אָט שטיי איך דאָ
און קוק זיך צו, —
וואָס מיינט אַ שעה
דען אין זיין רו?

ביים „גרענד־קעניאָן״

און איך וואָס מיין ?
אַ שטויב צעווייט,
און ער איז שטיין,
איז אייביקייט.

די אייביקייט ? —
דאָס איז אַ גאָט אַזאַ,
וואָס זעט, פאַרשטייט
און שטיל און שאַ.

געדאַנק אין שטיין,
אַ שטיינערנער געדאַנק, —
נישט קיין געוויין,
נישט קיין געזאַנג.

ז. ווײַנפּער

דערהויבענע מינוטן

וואונדערלעכע און דערהויבענע מינוטן!
זאָל זיך אויסלאָזן צום גוטן
דאָס צעברויזטקייט אין די בלוטן,
דאָס צעבלענדטקייט אין די אויגן.
דאַכט זיך נישט געשטויגן,
נישט געפלויגן,
דאָך ביסטו דערהויבן
און דיר ווילט זיך גלויבן
אין נישט געשטויגענעם,
אין נישט געפלויגענעם.

וואונדער

מענטשן אויף דער ערד, דער רונדער
ציען זיך צו וואונדער,
שעבעוואונדער,
כאָטש יעדערער באַזונדער
אויף דער ערד, דער רונדער
איז אַליין אַ וואונדער,
שעבעוואונדער.

ז. ווײַנפּער

בלימלעך

בלימלעך אין שפּאַלטן פון שטיינער
בליען פאַר די אויגן, ווי להכעיס.
אַז פאַרזעצט האָט זיי נישט קיינער,
האָט מען נישט פון זיי קיין נחת.

נחת נישט, נאָר צו קוקן אַ מחיה.
קינדער אָן אַ וואַכיק אויג זיי צו דערציען,
אָן אַ מאַמען אַ געטרייע,
וואַקסן דאָך און בליען.

בלימלעך צווישן שטיינער, — זיי דערמאָנען,
ברענגען אַלטע בילדער אין זכרון, —
רויטע, בלוט־באַפּלעקטע פאָנען
אונטער שווערע טריט מיט שפּאָרן.

אויפגעבראַזטער שטורעם אָנגעלאָפן
און געוואָרפן זיך מיט צאָרן, —
ווען האָט דאָס געטראָפן?
נעכטן? אייערנעכטן? צי פאַראַיאָרן?

נעכטן, אייערנעכטן און פאַראַיאָרן
און נאָך איצט אויך דאָ און דאָרטן, —
ווער עס האָט אַ פערד און שפּאָרן
וואַלגערט אונדזער גאָרטן.

בלימלעך צווישן שטיינער, — זיי דערמאָנען
קינדער יידישע פון טריסק און ראַכמעסטריווקע.
ענגלאַנד שיסט אויף זיי פון ביקסן און קאַנאָנען,
און זיי זינגען די התקוה.

לעניןָ

גרענד־קעניאָן, —
עס טויכט אין מוח אויף דער נאָמען לענין.
ווי קומט אינמיטן דרינען
אַט דער נאָמען מיר אין זינען?
צוליבן גראַם מסתמא.
אַט שטייט פאַר מיר מיין מאַמע,
אויך צוליבן גראַם מסתמא.
ווי ליב זי איז אין איר שבתדיקן קלייד
מיט דער בראָש און זילבער־קייט
און מיט דעם קרבן־מנחה־סידור.
אַט זע איך אויך די ברידער
און די שוועסטער מיינע,
וואָס רוצחים האָבן אומגעבראַכט אין דער אוקראַינע.

דער גראַם,
ווען אַפילו סתם,
ווערט אָפט פאַרוואַנדלט אין אַ פלאַם,
וואָס באַקט פאַר דיר אַ פרישע בולקע.
און אַז מען רויכערט נאָך דערביי אַ לולקע,
וואָס שלענגלט אין דער הויך
פון זיך מיט דינעם ווייכן רויך,
דערזעט מען אָפט פאַר זיך אַזוינע אויסטערלישע בילדער,
כאָטש נעם און שילדער,
נאָר ווער ווייט דען דיך גלויבן, אַז דו זעסט פאַר דיינע אויגן שטיין
איצט זיך אַליין?
זיך? ניין! ניין!
נישט איצטיקער, נישט נעכטיקער און נישט פאַראַיאָריקער. —

ז. ווײַנפּער

זע, זע, — אַ ייִנגל, אַ בלאָנד־האָריקער
מיט פּאַהלעך פּאַרשייטע
שטייט שטיל און כישופט אויס פון האָריזאָנטן ווייטע
אַזאַ אויסטערלישע קעניגרייך.
ער איז, ווי זעמדעלע אין קאָלאָראַדאָ־טייך,
וואָס שניצט,
און קריצט
און מאָדעלירט
און פּירט
צו אַט אַזאַ מין קעניאָן.
אַזוי איז אויך געווען דאָך לענין,
וואָס האָט אַ קריץ געטאָן דאָס לעבן אויף דער ערד
און טיף אין דעם צעיערט
אַ ניי געוויקס, וואָס בליט.
זע, זע, ווי העל עס איז די זון צעגליט
אויף דעם גראַניט
פון קעניאָן.
וולאַדימיר איליטש לענין
אין מיין זינען, —
אַפּנים, אַז נישטאָ איז גאָר קיין מיטן דרינען
אין דעם מענטשנס מוח.
עס איז דער כוח,
פון גיין,
דערגיין
דורך שטיין
און דורך גראַניט, —
ווי שיין עס האָט די זון זיך דאָ צעגליט!

אַלץ איז הייליק

שטייסט אָט דאָ און זעסט דעם דאָרטן,
און דער דאָרטן קוקט אַהער, —
וועלט איז אַ קאַלירנדיקער גאָרטן,
גאָרנישט איז אין איר דאָך לער.

אָנגעפּילט מיט וואונדערלעכן וואונדער
איז דאָך אונדזער גאַנצע ערד, —
גאָרנישט, גאָרנישט איז באַזונדער,
איינס צום אַנדערן געהערט.

אויך דער גאָרנישט איז אַן עפּעס,
אויג איז נאָך נישט צוגעוואוינט.
זעסט אַ בלויזעלע, פאַרקלעפּ עס,
פרעג ביי זיך נישט צי עס לוינט.

יאָ, עס לוינט, עס לוינט, אַוודאי,
טואונג איז פאַר זיך אַליין אַ שכר.
וועגן זענען נישט קיין גראַדע,
אויך די פרייד איז פול מיט צער.

אויסגעמישטע זענעןביידע,
איינס דאָס אַנדערע דערגאַנצט, —
יחיד רעדט מיט קול פון עדה,
עדה אינעם קול פון יחיד איז צעגלאַנצט.

וואָס אַשטייגער קאָן איך האָבן
פונעם שוויגיקן גראַניט ?
הער, עס ווערן אויסגעגראָבן
אוצרות פול פון מיין געמיט.

ז. ווײַנפּער

אויך גראַניט איז אַ צערעדטער,
הער, ער רעדט דורך מײַן געמיט!
קאַלטער, שװײַגיקער, דאָך בעט ער
איצט בײַ מיר אַ ליד.

דורך מײַן ליד זינגט איצט זײַן שװײַגן,
איז דאָס מער דאָך שוין קײן שװײַגן נישט.
װי די שפּיצן־טורעמס צו דעם הימל, שטײַגן
מײַנע װערטער איצט דערפרישט.

אינעם קאָסמאָס בין איך חלק,
איך אין אים און ער אין מיר, —
אַלץ איז הײליק, הײליק, הײליק,
הײליקײט אין מיר, אין דיר!

גיי זאָג זיך אָפּ פון אים

גיי זאָג זיך אָפּ פון אים, אַז נישטאָ איז קיין באַהעלטעניש.
נישטאָ גאָר אַזאַ פּעדערוויש
וואָס זאָל דיך אָפּווישן פון זיין בליק.
ער איז דאָך אַלץ, —
דאָס אומגליק און דאָס גליק,
דאָס ברויט, דאָס זאַלץ,
די זון וואָס גליט,
דער גאַנג פון טריט.
אָט איז ער איצט דער שווייגיקער גראַניט,
וואָס האַלט מיך אין זיין קלעם.
און איז ער דען נישט אויך דער סאַמעך־מעם,
וואָס שושקעט אין מיין אויער
די אייביקייט פון טרויער
אין דעם פּראַסטיקן געדאַנק
פון אונטערגאַנג?
וואָס איז דען דער באַגריף
פון הויך און טיף,
פון לענג און ברייט,
פון צער און פרייד,
פון נאָענט און פון ווייט,
פון צייט, —
אויב נישט דער סוד
פון דעם אחד?
ער איז די קשיא און דער תירוץ,
די ווידערשפּעניקייט, דער דרך־ארץ,
דער אומרו און די רו.

דער דאָ, דער ערגעצוואו,
און וואָס איז ער דען נישט?
אַ בלאַט פאַרמישט,
די צווייטע אויפגעמישט,
און ער — אי דאָרט, אי דאָ.
נישטאָ,
נישטאָ,
נישטאָ
איז קיין באַהעלטעניש פאַר אים!
ער איז דער גרים
אויף אייגענעם געשטאַלט, —
אַט איז ער אַלט
מיט כריפּ אין קול,
ווי פון אַ טאָל,
וואָס וויגט זיך, ווי אַ וויג
אויף דורכגעפוילטע שטריק,
און אַט איז ער דער מילדסטער בליק
פון קינד אין וויג,
וואָס בליט,
ווי צוויט
אויף בוים.
ער איז דער טרוים
און אויך די וואָר,
דער פאָרער און די פאָר,
דער גייער און דער ציל,
דער שפּילער און די שפּיל,
דער טאַשער און די קאָרט.
צי איז ער נישט דאָס וואָרט,
וואָס רייסט זיך איצט פון מיר

אויף אָט דעם שטיקל ווייס פּאַפּיר?
ער איז!
ער איז!
ער איז!
ער איז דער שאַרפער ביס,
וואָס בייסט איצט מיט די ציין
זיך איין אין מיין געביין.
אַפילו דאָס געוויין,
וואָס בעצט איצט מיין געמיט
און טריפט איצט פון מיין ליד
איז אויך נישט מיינס.
זיינס!
נאָר זיינס!
אַלץ איז זיינס!
דו און ער, איך און זי, —
אַלץ איז אָפּשיין פון זיין אויסטערלישן גלי.

ז. וויינפער

אַזוינע זעענדיקע זענען איצט מיינע אויגן

אַזוינע זעענדיקע זענען איצט מײַנע אויגן.
וואָס געפלויגן,
נישט געפלויגן,
וואָס געשטויגן,
נישט געשטויגן,
וואָס געטראָפן,
נישט געטראָפן, —
אַלץ, אַלץ זע איך איצט אַזוי קלאָר.
וואָס איז וואָר?
וואָס איז חלום?
ביידע לעבן בשלום
איצט אין מיר.
צי בין איך נישט אַליין די טיר,
וואָס איך האָב אומגעזוכט ביז איצט אין גאַנג?
צי איז נישט דאָס געזאַנג
און דאָס געוויין
אין מיר אַליין?
איך בין די דאָאיקייט
און די נישטאָאיקייט.

קאָלירנדיקע פּאָווע פּליט
און ציט, —
פון וואַנען?

און וואוהין?
פון דאַנען
צום אַהין,
און באַלד שוין אויף צוריק,
דער אומגליק איז אין גליק,
און גליק פון אומגליק איז נישט אָפּצוטיילן.
אָ וויפל פרייד איז אין אַ וואונד, וואָס האַלט זיך אין פאַרהיילן,
און וויפל צער איז אין דער שרעק דאָס ביסל גליק נישט צו פאַרלירן.
דער גאַנצער קאָסמאָס איז אַ וואונד נישט אָנצורירן,
און דאָך איז די קאָלירנדיקע פאַווע אַלץ נאָך נישט פאַרפלויגן, —
אַזוינע זעענדיקע זענען איצט דאָ מיינע אויגן!

ז. ווײַנפּער

דער גלי אויף גראַניט

אַזאַ שעמערירנדיקער גלי איז צעגליט
אויף דעם שווייגנדיקן גראַניט.
אַ גלי מיט טריט,
וואָס רייסן זיך פאַראויס.
אַ גלי אין געברויז
זיך אויפצוהויבן אין די הויכן,
כדי דורכצעגליען זיך דורך די רויכן,
וואָס גייען אויף פון אונדזערע רואינען.
ווער זיינען די שפּינער, וואָס שפּינען
די פעדעם אין די געוועבן פון אָט דעם גלי?
זיי זענען די,
וואָס טרייבן דיך
און מיך
צו גיין
אַפילו איבער אָנגעגליטן שטיין
אַלץ ווייטער און ווייטער
צו עפּעס אַ פלאָם פון אַ שייטער.

דער פלאָם פונעם שייטער, — ער איז
דער לאָמפּ פאַר אונדזערע פיס
אין זייער כסדרדיקן גאַנג.
דאָס גיין איז געזאַנג
פאַר אונדזערע טריט, —
עס איז דאָס ליד
פון גרויסער דערהויבונג,
פון לויטערער גלויבונג.

פון המשכדיקער ירושה געפאַנגענע

פון המשכדיקער ירושה געפאַנגענע,
גייען מיר דעם גאַנג פון די נישט־דערגאַנגענע.
פון נעכטנס געטריבענע
זענען מיר, די פאַרבליבענע,
דאָס געיעג
אויפן וועג
צו דעם ווייטער.
דער פלאַם פון עפּעס אַ שייטער
רופט אונדז פאַראויס.
וואָס געוואָרן איז אויס —
איז דאָך נישט פאַרשוואונדן.
עס איז העל צעצונדן
אין שייטערדיקע פלאַמען,
וואָס וויגן זיך, ווי כוואַליעס אין ים׳ען.
אין כוואַליע די צווייטע פאַרשלינגט,
נאָר די, וואָס פאַרזינקט
וויל פאַרזונקען נישט בלייבן.
זעט, זעט, מיר טרייבן זיך, טרייבן
געיאָגטע פון די,
וואָס כאָטש זיי זענען מער שוין נישט הי,
איז זייער גלי
אין אונדזערע טריט
אַפילו דורך בערג פון גראַניט.
זיי האָבן געאַקערט, געזייט, און דעם שניט
נישט דערלעבט.
זיי האָבן געוועבט און געוועבט
און געפאַלן ביים שפּינדל אינמיטן.

ז. ווײַנפּער

זיי האָבן גערינטן, גערינטן
און צום ציל נישט דעררינטן.
איצט שרייט צו אונדז אין בענקשאַפט דער ציל, —
ער וויל, אָ ער וויל
אַ דערגרייכטער אויך ווערן.
ווי גוט, וואָס מיר הערן
פון אומעטום זיין געשריי!
מיר גייען דורך רעגן און האָגל און שניי
פון המשכדיקער ירושה געפאַנגענע,
דעם גאַנג פון די נישט־דערגאַנגענע,
פון די נישט־געבוירענע,
כדי זיי זאָלן קיין פאַרלוירענע
נישט בלייבן.
מיר טרייבן זיך, טרייבן —
דער ווינט איבער אונדז זיך יאָגנדיק
איז טראָגנדיק,
איז ברענגענדיק,
געהאַנגענער הענגענדיק,
געקוילעטער ליגנדיק,
און מיר זיך וויגנדיק,
ציען אַלץ ווייטער און ווייטער
צו עפּעס אַ פלאַם פון אַ שייטער:

ווי גליענדיק דער גלי איז צעגליט
אויף דעם שווייגנדיקן גראַניט!

נ י ש ט

אַזוי פיל געזען,
אַזוי פיל געהערט,
און דאָך נישט דערזען,
און דאָך נישט דערהערט.

איצט מאַטערט דער נישט,
ער וויל אויך אַהער, —
ער מישט זיך און מישט
ביים בליק, ביים געהער.

איז וואָס־זשע? איז וואָס?
נו זאָל ער, נו זאָל!
דער אָקס צופּט דאָס גראָז
אויך אונטער זיין עול.

הערט, הערט, ווי דער נישט
פאַרפּאָלגט מיינע טריט, —
ער מישט זיך און מישט
אויף בלענד פון גראַניט.

גראַניט אַזוי קלאָר,
דער בלענד איז פאַרהילט, —
אַ רואיקער וואָר,
דער חלום צעשפּילט.

די וואָר איז צערעדט,
זי זאָגט, וואָס זי וויל, —
דער חלום בלויז גלעט
און צאַפּלט זיך שטיל.

ז. ווײַנפּער

אַ ציטער אַזאַ,
אַ בלענד און אַ גלי, —
אַ צאַפּל און שאַ,
און מער שוין נישט הי.

אַזוי פיל געזען,
אַזוי פיל געהערט,
און דאָך נישט דערזען,
און דאָך נישט דערהערט.

אַ נישטיקן נישט,
גייט מען פאַרביי? —
ער איז נישט פאַרווישט,
ער לאָזט דיך נישט פריי.

דער נישט איז אַ גלי,
דער נישט איז אַ קלאַנג, —
ער קומט פון נישט־הי,
ער איז נאָך אין גאַנג.

פון וואַנען? וואוהין?
פון דאָרטן אַהער,
און ווידער אַהין
און אָבער אַהער?

וואָס טראָגט ער אין זיך?
וואָס איז זיין פאַרמעג?
דאָס טראָגט ער איצט מיך
אַרום אויפן וועג.

ביים „גרענד־קעניאָן"

וואָס וויל ער פון מיר?
וואָס איז זיין באַגער?
איך פיל זיין באַריר,
איך זע און איך הער.

נאָר הערן און זען
איז נאָך נישט — באַנעם, —
אַזוי פיל געשען
און וועלט איז אין קלעם.

זעט, זעט, ווי דער נישט
פאַרפאָלגט מיינע טריט, —
ער מישט זיך און מישט
אין וואָרט פון מיין ליד.

דער נישט אינעם וואָרט,
נישט נישטיק איז ער, —
אַ הייליקס דאָס אָרט,
איך זע און איך הער.

דער נישט, וואָס צעגליט
איז אפשר דער תוך? —
שלעפּ, שלעפּ־זשע, מיין ליד,
אויף רוקן דעם יאָך.

איך זע און איך הער, —
עס ציטערט מיין טראָט, —
ווער איז ער דאָס, ווער?
און וואָס איז זיין סוד?

ז. ווייַנפּער

קאַלירנדיקע שטריקעריי

אַ זקן אויף אַ באַנק, ווי אַ דעמב אַ סוקעוואַטער,
און לעבן אים אַ ברוינער הונט אַ קודלעוואַטער,
און אַזעלכע רואיקע, באַרואיקטע זיי ביידע.
דער הונט, ווי דער זקן שוין, אַוודאי אויך אַן עלטער־זיידע,
נאָר אַט זשוואַוועדיקער און נאָך גרינגער פון אַ ווינטל
יאָגט אַן פון ערגעץ זיך אַ הינטל
און הינטער דעם אַ מיידל,
אַזוי שלאַנק און איידל
זענען אירע ווייסע פיס איבער אירע העלע זאָקן.
זע, זע, ווי עס צעאייגלט זיך צו איר דער זקן
און ביי דעם הונט צעפינטלען שמאַלציק זיך די בליקן.
דער האַריזאָנט הויבט אָן אַ שטריקעריי צו שטריקן
מיט אַזוי פיל אויסטערלישע און פילפאַרביקע קאָלירן.
שפּיזלדיקע פינגער הויבן אָן איינס דאָס אַנדערע באַרירן
און שטראַלנדיקע שפּיזלען נעמען זיך מיט שאָטנדיקע שפּיזלען.
די טורעמס הויבן אָן צו ריזלען,
פליסן
און זיך איבערגיסן
אין אויסטערלישע אוזאָרן.
גאָלד־געזוימטע קאָטשן קומען פון דער לופט צו פאָרן
מיט שטרויספּייגל אין קאָליריקע געשפּאַנען.
עס פאָכן מיט די בייטשלעך אָדלערס און פאַזאַנען
און טרייבן לאַכנדיק פאַנאַנדער
אין ווילדן יאָגנדיקן וואַנדער
אַ פעטן אָקס און דינע ציג, וואָס האָבן זיך באַגערט צו פאָרן.
אַ רויטער האָן שפּאַרט זיינע שאַרפע שפּאָרן
אַ צעבלאָזטן אינדיק אין די זייטן.

ביים „גרענד־קעניאָן"

אַ גאָלדן שיפל שיפלט אָן פון ווייטן,
אַ קראָקאָדיל מיט פּיסק צעעפנטן — דער שיפער,
און דאָרטן ביי דעם אָפּגרונט טיפער, טיפער
קייקלט פון געלעכטער זיך לוציפער,
פון דעם גערשענגל צווישן יעקבן דעם טאַטן און עשון דעם פעטער.
אַ טיגער צופּט פון בוראַקעס די בלעטער,
און אַ באַראַן פלעכט פון הושענות זיך אַ קרענצל.
אַ לעמפּערט כאַפּט מיט שעפּסעלע אַ טענצל,
אַ קינד פאַלט שווער אויף דעם געזעסל
און וויינט זיך אויפן קול פאַנאַנדער.
דער גאַנצער האָריזאָנט איז איצט אין וואַנדער,
ווי גאָט וואָלט אָפּגעלאָזט פון זיין באַשאַף די לייצעס.
הער, הער, דער זקן גיט דעם יונגן מיידל עצות,
ווי אַזוי זיך קעגן די נישט־גוטע צו באַשיצן,
ער בעט זי באָענט ביי זיין זייט צו זיצן
און רעדט צו איר אַזוי ווייך און צוגעלאָזן.
דער קודלעוואַטער הונט, — די האָר צעבלאָזן
און ציטערדיקע פיס, לאָזט נישט אָפּ דאָס הינטל.
אַ ווייסער וואָלקן אין דער הויך טוט מיט רויך זיך אַ צעפינטל
און אַלץ אַרום איז חלומדיק און וואָריק,
איצטיקייט און טויזנט־יאָריק.

ז. ווײַנפּער

דאָס גאָר

מענטשן נידערן אין די הײלן,
כדי דערנאָך צו דערצײלן,
אַז מען איז געווען,
אַז מען האָט געזען
יעדן וואונדער
באַזונדער,
און דערבײַ אַלײן אויך ווערן באַוואונדערט.
בלויז ער זיצט אָפּגעזונדערט
פֿאַר זיך אַלײן
אויף אַ שטײן,
און זע, עס קומט צו גײן
יעדער וואונדער
באַזונדער
און לײגט זיך אויף זײַנע קני.
זײַן פּנים אין גלי
פֿון דעם זון־פֿאַרגאַנג
און ער איז אינגאַנצן, ווי אַ ווידערקלאַנג
פֿון עפּעס אַזאַ שײן געזאַנג,
וואָס איז לאַנג
שוין אַוועק
מיטן וועג
בײַ דעם ברעג
פֿון דעם קאָלאָראַדאָ־טײַך
צו עפּעס אַ װײַטער, װײַטער קעניגרײַך.
מען זאָגט, ער האָט אַזוי פֿיל צו דערצײלן,
נאָר ער וויל זיך מיט קײנעם נישט טײלן.

בײַם „גרענד־קעניאָן“

דאָס אײנציקע, װאָס ער האָט פֿאַר דער מענגע,
איז די פֿעדער אין דער בלוט־רױטער סטענגע
אַרום זײַנע קױל־שװאַרצע האָר, —
דאָס גאָר!

ז. ווײַנפּער

שווייגנדיקע ריזן

שווייגנדיקע, שטיינערדיקע ריזן, —
זיי לעכערן די לופט און שפּיזן
זיך צום הימל.
פֿאַרזונקען אין אַ דרימל
זיצט זיך אויף אַ שטיין
מיט זיך אַליין
דער אור־אַמעריקאַנער
אַלטער אינדיאַנער.

האָט עפּעס דען געטראָפֿן ?
איז עפּעס דען פֿאַרלאָפֿן ?
נו יאָ, נו יאָ, אַוודאי !
וועגן זענען נישט קיין גראַדע,
זיי שלענגלען זיך און דרייען.
וואָס־זשע קאָן אים איצט דערפֿרייען,
אַז זיין פּייל פֿון בויגן
איז אַוועקגעפֿלויגן
און אין ציל דאָך נישט געטראָפֿן, —
איצט איז אים געבליבן איינס — צו שלאָפֿן !

שווייגנדיקע, שטיינערדיקע ריזן, —
זייער שטעכן זיך און שפּיזן
האָבן נישט באַוויזן
דורכצולעכערן דעם הימל,
נורעט זיך דערפֿאַר אין דרימל
דער אור־אַמעריקאַנער
אַלטער אינדיאַנער

אין זיינע פּוכקע שאַלן.
ווי דער ווינט געקומען און באַפאַלן
איז דער פרעמדער, ווייסער שונא
אויף די אָבות זיינע ברוינע
און וואָס איז איצט דאָ אַזאַ איינער,
ווי ער? אַ שטיין דאָ צווישן שטיינער,
אַ שווייגנדיקער ריז דאָ צווישן ריזן,
וואָס האָט באַוויזן
בלייבן — אַן עכאָ פון אַ צאָרן,
געווען, געוועזן און נישט געוואָרן!

ז. ווײַנפּער

אַמעריקע

טורעם טראָגט אַ טורעם אויפֿן רוקן,
ווערסט נישט מיד אויף זיי צו קוקן, —
זיי דערמאָנען:
וואַשינגטאָנען,
דזשעפערסאָנען,
און נאָך ווער?
לינקאָלן און רוזוועלט — אויך נישט צו פֿאַרשעמען.
און זײַנען דען יהואש, ראָזנפעלד אויך נישט אַמעריקע?
שטעלט נאָך אין דער ריי: טאָראָ, וויטמאַן, דעבס און טוויין,
און נאָך אַזעלכע אַנגעהעריקע,
און איר וועט זען, ווי גרויס און שיין
עס איז דאָך אונדזער לאַנד אַמעריקע.

פון ערגעץ ביז ערגעץ

פון ערגעץ
ביז ערגעץ
און פלוצלונג אַזאַ אויסטערלישקייט גאָר אין מיטן.
אַן ערּאָפּלאַן, וואָס האָט די לופט געשניטן
פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט
האָט פון דער הויך דערקאָנט
די אַנדערשקייט מסתמא
אין דער פּאַנאָראַמע
און האָט פאַרלאַנגזאַמערט זיין פלי.
אַזאַ זילבערדיקער גלי
האָט זיך פון אים צעשפּילט
און אויף אַ ווייל האָט זיך פאַרשטילט
זיין רוישנדיק געברויז.
די וועלט איז ברייט און גרויס
און ער אין זיינע שטענדיקע געיעגן
זעט וואונדער איבער אַלע וועגן,
נאָר אָט אַזוינס איז נישט געקומען אים אַנטקעגן,
איז וואָס־זשע איז דאָס פאָרט?
אַ שאָד איז אים פאַרלאָזן אָט דאָס אָרט,
נאָר עראָפּלאַנען מוזן איילן!
די וועלט איז איינגעטיילט אויף מיילן,
וואָס ציען זיך פון ערגעץ
ביז ערגעץ,
און ער מוז אַלע ערגעצן באַדינען.
וועט ער אַזוינס נאָך ערגעצוואו געפינען
אין זיין איילנדיקן פלי?
דער עראָפּלאַן לאָזט איבער אַזאַ בענקענדיקן גלי, —

ז. וויינפער

זיין בענקשאַפט צום צוריק מסתמא.
דער גלי — אַ זילבער־פינטל אין דער פּאַנאָראַמע
זוכט אים אַן אָרט דאָ צווישן די אומציילִיקע קאָליריקע געמישן
און קאָן זיך נישט פאַרמישן.

צו יענער שוועל

זיטאַ׳ן און נחמה׳לען

זילבערדיקער גלי,
ווי דו בין איך צעגליט.
אויך איך בין נישט פון הי,
נישט צוגעוואוינט נאָך מיינע טריט
צו אָט דער רואיקייט אַרום,
איז אַזאַ ציטער איצט אין זיי דערפֿאַר.
און ווייל עס איז אַלץ אַזוי שטום,
איז אַזאַ בענקענדיקער צער
צערעדט אין מיר.
עס איז די בענקשאַפֿט נאָך אַ שוועל
ביי אַ היימישדיקער טיר.
אַזוי העל
איז זי
און מיט אַזוי פיל רו,
איר גלי
צעליכטיקט איז, ווי דו.

ווי קוקט מיין בענקשאַפֿט אויס?
אַ מוטער מיט אַ קינד, וואָס קוקן זיך די אויגן אויס.
די מוטער — אַן אַליוונבוים,
דאָס קינד — אַ טרוים,
וואָס בליט,
ווי צווייט,
און וואַרט
אויף מיר צעגליט.
ווי גוט, וואָס נישט געוואָרן האַרט

ז. ווײַנפער

בין איך דאָ ביים גראַניט.
אַזאַ בענקשאַפט איז צעווייט
אין מיין געמיט.
הער, אַ פרייד!
הער, אַ ליד!
אַזוי העל
די בענקשאַפט איצט אין מיר
צו יענער שוועל,
צו יענער טיר.

אַ דאַמע, אַ קאָקעטקע

אַ דאַמע, אַ קאָקעטקע
שפּילט זיך חנעוודיק מיט איר לאָרנעטקע
און רעדט צו זיך, אַז אַלע זאָלן הערן:
— נישטאָ מיט וואָס אָט דאָ דאָס אויג צו נערן!
גאַנץ אַנדערש איז דער יעלאָסטאָן־פּאַרק, —
דאָרט איז אַ באַרג —
אַ באַרג!
און איינער איז גאָר דאָרט פֿאַראַן,
וואָס שפּריצט ווי אַ פֿאָנטאַן
אין אַ באַשטימטער רגע פֿון דער שעה,
און דאָ?
משטיינס־געזאָגט אָט דאָ!

זי רעדט און רעדט און רעדט,
אָט מיט געבעט,
און אָט, ווי עמעצער וואָלט איר אַ חוב געווען דאָ שולדיק.
עס ציטערט אומגעדולדיק
די לאָרנעטקע
ביי דער קאָקעטקע
אויף די אויגן:
— וואָלט כאָטש אַ פֿויגל אָנגעפֿלויגן!
וואָלט כאָטש אַ חיה זיך באַוויזן!
בלויז טורעמס שפּיציקע, ווי שפּיזן!
און אַלץ אָט דאָ אַרום
איז טויט און שטום, —
דער שוויגיקער גראַניט
איז שווער אויף דעם געמיט.

ז. ווײנפּער

פּלוצלונג שיקט די דאַמע, די קאָקעטקע
אַ חנדל־בליקעלע דורך איר לאָרנעטקע
צו אַ בלאָנדן שכנס פּנים:
— מײנע שונאים! —
מורמלט ער צו זיך
און שאַרט זיך אָפּ אויף גיך.

די דאַמע לאָזט נישט אָפּ, זי קוקט אים נאָך.
אָט טוט זי גאָר אַ פּאָך
צו אים מיט דער לאָרנעטקע!
וואָס וויל זי, די קאָקעטקע?
וואָס זוכט זי דאָ אַרום?
די טורעמס קוקן שטום,
דער הימל אויבן אויך אַזוי, —
וואָס גייט זיי אָן דער לײכטזין פון אַ פרוי?
זיי זײנען דאָך נישט, ווי דער בלאָנדער שכן,
וואָס פילט אַ ציטער אין די קנאָכן
און ווערט געפאַנגען פון דער דאַמע, דער קאָקעטקע, —
זע, זע, ער שפּילט זיך שוין מיט איר לאָרנעטקע!

שטיינערדיקע אייביקייט

דעם אומרו פון אַ מענטשנס געמיט
דערזעט מען אין זיינע טריט
סיי ביים גיין,
סיי ביים שטיין.

אָט שטייט אַ מענטש — די טריט,
ווי צוגענאָגלטע צו דעם גראַניט,
דאָך גייט אַ ציטער אויף פון זיי, —
אַ ציטער, ווי אַ שווער פאַרשטומט געשריי
פון טיפער פיין און וויי.

שטיינער ווייסן נישט דערפון!
גלאָצן צו דער זון,
ווי זיי גלאָצן צו דער נאַכט.
עס אַרט זיי נישט דער מענטש, וואָס שטייט פאַרטראַכט,
קוקנדיק אויף זיי.
זיין וויי?
זיין צער?
שטיינער קוקן שטאַר
און שטום
אויף אַלץ אַרום, —
אַפילו אויף דער פרייד, —
שטיינערדיקע אייביקייט!

ז. ווײַנפּער

זשאַן

אַ מוטער מיט אַ מײדעלע.
בײדע אײדעלע,
בױגיקע,
בלױ־אױגיקע.
אָנגעפּױשט, װי װאַטע,
שטײט דער טאַטע
און בלאָזט מיט לאַנגװײל און צער
פון זײַן גראָבן ציגאַר
אַ שלענגלדיקן רױך:
— דער מיטיק דאָ — אַ שטײן אין בױך!
װאַסערדיקע יױך!
משטײנס־געזאָגט דער סטעיק...
און אױסגעטריקנט שטיקל קעיק,
און קײן באַדינונג איז נישטאָ.
— איך טראַכט, — אפשר דאָ
אַ שטעל טאָן גאָר אַ רעסטאָראַן.

— אָ זשאַן! —
באַלײדיקט זיך די פרױ, די אײדעלע
און קלאָגט זיך פאַרן מײדעלע:
— דײַן פאָטער איז װולגאַר!
זשאַנס פּנים צעציטערט זיך פון צער,
און טרײסלענדיק דאָס אַש פון זײַן ציגאַר,
צעמורמלט ער זיך קאַלט און טרוקן:
— משטײנס־געזאָגט, אױף װאָס צו קוקן!
אַזױ פיל מױערן,
און טױערן!
אַזױ פיל הױפן,

און גאָרנישט איז צו קויפן
און פאַרקויפן!

די פרוי, די איידעלע,
דריקט שטום צו זיך דאָס מיידעלע,
און מורמלט ווערטער איריטירטע.
זי נעמט די טאָכטער און לאָזט זיך שטום, אַ רעזיגנירטע,
נאָך איר מאַן צום גלאַנצעדיקן אויטאָ־לימאָזין.
דער שאָפער נויגט זיך, פרעגט: וואוהין?
עס וואַרפט די פרוי אַ לעצטן בליק אַהינטער זיך צעגליט,
נאָר גלייכגילטיק און שטום איז דער גראַניט.
די טורעמס האַרטע, קאַלטע און פאַרשטאַרטע, —
וואָס גייט זיי אָן אַ פרוי, אַן אָפּגענאַרטע!

ז. ווײַנפּער

זיי שטיל

אויך אָפּגעגנאַרט בין איך!
ווי לאַנג שוין, אַז איך טראָג אויף זיך
דאָס שווער געפּעק
אין וועג?
דער פרילינג און דער זומער זענען שוין אַוועק
און זע, — דער האַרבסט זיך שפּרייט.
געאַקערט און געזייט,
און וואָס איז אויפגעגאַנגען?
אַ זייער איז אויף פעלד געגאַנגען
מיט זריעה אין די פּאַלעס,
נאָר אים באַגעגנט האָט דער ווינט מיט קללות!

איצט טראָגט דער ווינט שוין מיך
אויף זיך
צום אייגענעם קאַפּריז.
אָט טוט ער מיך אַ ריס
מיט אַ געברויז
פאַראויס,
און באַלד לאָזט ער מיך גאָר אַליין
אינמיטן וועלט פון האַרטן שטיין.

איך שטיי אָט דאָ
שוין שעה נאָך שעה
און קוק אויף דעם גראַניט.
דאָס האַרץ איז אויפגעגליט,
און וואָלט זיך איצט אָן מיר געוועינט.

וואָלט איך זיך אויפגעלייזט אין אָט דעם בלענד,
וואָס איז צעשפּילט,
און דאָך אַזוי פאַרקילט,
אַז ער פרירט די גלידער.
עס בענקט מיין האַרץ נאָך שוועסטער און נאָך ברידער, —
אַן עדות איז דאָס נישט־צעפּאַקט געפּעק.
אויף וועלכן נייעם וועג
וועט איצט דער ווינט מיך טראָגן?
צו וועלכן נייעם לאַנד וועט ער זיך יאָגן
איצט מיט מיר?
צו וועלכער נייער טיר?
איז נאָך אַזאַ פאַראַן פאַר מיר?
זיי שטיל, מיין האַרץ, זיי שטיל, —
עס ווייסט נישט פון קיין ציל
דערווירבלדיקער ווינט, —
ער טרייבט זיך בלינד!

ז. ווײַנפּער

וואָס וועל איך מיטנעמען פון דאַנען?

וואָס וועל איך מיטנעמען מיט זיך פון דאַנען?
איך וועל מיטנעמען דאָס אַנען,
וואָס ווערט נאָך נישט פאַרשטאַנען.
איך וועל מיטנעמען דאָס, וואָס האַלט נאָך אין יערן,
און אין ווערן
און זיך אַליין באַשאַפן.
איך וועל מיטנעמען דאָס גאַפן
אין מײַנע אויגן
פאַר דעם נישט געשטויגן,
נישט געפלויגן
און נישטדאָגעדאַכטקייט.
אַ גרויסער סוד איז אין פאַרטראַכטקייט,
און וויל זיך נישט אַנטפּלעקן,
און וויל זיך נישט אַנטדעקן.
ווי פײַנלעך שײַן עס איז דער סוד,
ווי פײַנלעך שײַן עס איז דער גאָט,
וואָס האָט זיך אײַנגעשמידט
אין שווײַגיקן גראַניט.

אָהאָ, ווי גראַנדיעז!

— אָהאָ, ווי גראַנדיעז!
ווער האָט זיך דאָס אַזוי צעשאָלט לעבן מיר?
אַ שטיקל ברויט מיט קעז
און אַ פּאָר אויגן ווארעמע אויף מיר,
וואָס גריסן און וואָס לאַכן.
— אַזוי פיל מיאוסע זאַכן
אין אונדזער ערדישן פאַרמעגן,
נאָר אַז עס קומט אַנטקעגן
אָט אַזוינס דיר אויף די וועגן,
איז הער־זשע, ברודער, הער, —
אַ געזונט אויף דיינע פיס,
וואָס ברענגען דיך אַהער!
ער טוט אַ שאַרפן ביס,
און לאָדט מיך איין צו ברויט מיט קעז,
שלעפנדיק דערביי פון טאַש פאַר מיר אויך אַ מאַראַנץ.
— אָהאָ, ווי גראַנדיעז!
טוט ברויזנדיק אַ טאַנץ
צו אים מיין האַרץ פון פרייד.
— ווי רופט מען דיך? און ווער ביסטו? פון וואַנען?
— וואָס איז דער אונטערשייד?
פון דאָרטן און פון דאַנען,
פון אומעטום, וואו מענטשן לעבן,
וואָס קאָנען פאַר דיין אַרבעט געבן
אַ שפּילצייג זיך צו שפּילן,
אַ טרונק דעם דורשט צו שטילן
און זעטיקן דיין הונגער מיט געשמאַקן ברויט און קעז.
— אָהאָ, ווי גראַנדיעז!

ז. ווײַנפּער

צעלאָך איך זיך אין פּנים פונעם מענטשן,
און ווייס שוין נישט, וואָס אַפריער דאָ צו בענטשן —
די שיינקייט מיך אַרום, צי אָט דעם פרייען מענטשן,
וואָס שטייט פון זון צעגליט,
און קייט מיט אַפּעטיט
דאָס ברויט מיט קעז.
— אָהאָ, ווי גראַנדיעז!

דער היינט

ווי וואונדערלעך עס איז צעשיינט
דער נעכטן אינעם ליכט פון היינט, —
צי האָבן מיר דעם שיין געזען,
ווען נעכטן איז אַ היינט געווען?
אַזוי איז דאָס פון אייביק אָן!
די גרויסע שיינקייט אין אַ טאָן,
דער ציטער־צאַפּל אין אַ קלאַנג, —
זיי זענען די דערמאָנונג אָן לאַנג
פאַרגאַנגענעם אַהינטער זיך.
ווער ביסטו? און ווער בין איך?
מיר זענען די המשכים אין דער אייביקייט,
וואָס ציען, ווי אַ מעשה זיך דורך צער און פרייד
פון ערגעצוואו ביז ערגעצוואו.
איצט איך און דו,
און מאָרגן וועט אַן אַנדערער פאַרנעמען אונדזער אָרט.
געבענטשט זאָל זיין דאָס וואָרט,
וואָס זאַמלט, ווי אַ שייער אין זיך איין.
הער, הער, די פּיין
פון דעם פאַרהאַרטעוועטן שטיין־גראַניט
צעעכאָט איז אין ליד.
אַזוי אויך מיט דעם היינט, —
צעבלענדט, צעשיינט
וועט ער זיך אויפהויבן, ווען
מען וועט אין ליכט פון מאָרגן אים דערזען.

ז. ווײַנפּער

נישט וועק מיך, נישט וועק

אַזוי וואונדערלעך איז דאָס שטייגן
אויפן רוקן פון שווייגן.
אַזוי ווייך איז זיין רוקן,
אַז באַדאַרפסט גאָרנישט קוקן,
כדי צו דערזען, — עס זעט זיך מיט אויגן פאַרמאַכטע.
חלומות געדאַכטע,
און אויסגעלאַכטע
ווערן באַלעבטע.
אַלע בלויזן באַטרעפטע
און שטייגסט איבער זיי צו די הויכן.
וואו רויכן?
וואו פלאַמען?
וואו צאַמען?
דאָס זיינען בלויז ווערטער
פון אַנדערע ערטער,
וואָס זענען ווייט דיר אַהינטער,
ווי דיין פּען און דיין טינטער,
און דיינע פּאַפּירענע בויגנס.
דו שוועבסט אין אַ וועלט פון רעגנבויגנס
אַזעלכע קאָלירטע, —
אַ וועלט אַ באַטירטע,
באַשוועלטע,
און אַזאַ צעהעלטע
איז זי אומעטום.
קום, קום
מיט מיר מיט, —
די טרעפּ פון גראַניט

ביים „גרענד־קעניאָן"

ווערן נישט צעפֿאַלן
און איבער זיי טעפּיכער פֿון שטראַלן,
וואָס ציען זיך און שטייגן
אין אַזאַ שפּילעוודיקן שווייגן
אַרויף צו דעם הימל.
בין איך איצט אין דרימל ?
נישט וועק מיך, נישט וועק,
און לאָז מיך אויף אָט דעם אויסטערלישן וועג.

ז. ווײַנפּער

דו

דו!
ווער ביסטו?
וואָס ביסטו?
ביסט די פּען און דאָס פּאַפּיר.
גליוועך אַרום דיר,
נאָר מיט דעם שטיקל שטאָל פאַרשפּיצט,
שטעכסטו און דו קריצט
דעם אומזין און דעם זין פון דעם געברויז
אין דיר צו דעם פּאָראויס.
וואוהין? וואוהין?
אַהין! אַהין!
אַריבער גליווערדיקן שטיין,
כאָטש ווייסט אַליין
נישט ווען און וואָס.
ביסט גרינס אויף גראָז
און קראָפּיווע, וואָס ברית.
ביסט ליד,
וואָס ווײַנט און זינגט,
אַ גלאָק, וואָס קלינגט,
און אָפט מאָל ווירבלדיקער ווינט,
וואָס יאָגט זיך בלינד,
טאָפּנדיק די ערד.
ביסט שאַרף פון שווערד,
וואָס ברענגט דעם טויט
און מעסער פאַרן ברויט,
וואָס ברענגט דאָס לעבן.
ביסט שפּין, וואָס פּרעסט די אייגענע געוועבן,

געלויף
צום באַרג אַרויף,
און אויך אַרונטער צו דעם טאָל.
ביסט ווידערקלאַנג פון דעם אַמאָל
און אויך די בשורה פון דעם, וואָס וועט ערשט זיין.
ביסט שיין
און פינצטערניש, —
געמיש
פון דאָאיקייט
נישטאָאיקייט.

ז. ווײַנפּער

אין תפילהדיק געזאַנג

די זון פֿאַרגייט
פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, —
אַזוי פֿאַרלאָזט דאָך שטילערהייט
דער דינער מיטן ליכט אין האַנט דעם מלך,
וואָס האָט אין אָוונטיקער שעה געלייגט זיך אין זײַן בעט.
דער דינער שליסט די טיר אַהינטער זיך
מיט אַ פּנים, ווי אין מיטן אַ געבעט,
און טוט דערבײַ זיך אויס די שיך
מיט ווייכע, וואַטאַוועגע פֿינגער.
כּדי דעם שלאָפֿנדיקן מלך נישט צו וועקן מיט די טריט,
טרעט ער שטילער, גרינגער
און אַזוי אַפּגעהיט.
הער, הער, עס דרימלט שוין דער זינגער
און אַזוי שטיל איז איצט אין מײַן געמיט.
די זון פֿאַרגייט,
פֿאַרגליט
און שפּרייט
אויף דעם גראַניט
איר לעצטע שײַן.
ווי טרויעריק־שײַן
עס איז די פּײַן
פֿון דעם פֿאַרגיין.
אַזאַ צעציטערטער איז איצט דער האָריזאָנט
פֿון זונפֿאַרגאַנג,
אָט ערשט נאָך אַזוי העל און בלאַנד
און שוין איז ער דאָ אַ געפֿאַנג

ביים „גרענד־קעניאָן"

אין נעץ פון טונקל־גרוי.
די בערג אַרום
אויך אַזוי.
אַ ווייל איז טויט און שטום,
נאָר באַלד אַן אָנזאָג, אַז עפּעס קומט,
דער אָוונט רוקט זיך אָן און אין זיין גאַנג
איז ער צעברומט
מיט תּפילהדיק געזאַנג —
צו וועמען?
גאָט האָט צוגעמאַכט די אויגן,
איינגעשנורט די ברעמען
און אַ פאָרהאַנג איבער זיך פאַרצויגן.
אַ גוטע נאַכט
דיר, גאָט!
אַ גוטע נאַכט
דיר, סוד!
זעט אויס,
אַז מיט מיין טראָט
פאַראויס
בין איך נישט מער,
ווי בלויז אַ שטילער גאַנג,
דאָך הער מיך, הער, —
איך בין אין תּפילהדיק געזאַנג,
וואָס גייט איצט אויף צו דיר,
און וואויל איז מיר.

ז. ווײַנפּער

װעלט איז נאָך אין װאַנדער

דער װעג, נאָך נישט בײַם סוף און טראָט שװין אויף אַן אַנדער! —
װעלט איז נאָך אין װאַנדער!
מענטש איז נאָך אין װאַנדער!
אָונטיקע שעהען האָבן שטיל פאַרצויגן
טונקעלע װאָלקן אויף די אויגן,
נאָר פּאַװע איז אַלץ נאָך נישט אַװעקגעפלויגן.
אַזעלכע זעענדיקע, הערנדיקע און דערפינדערישע
זענען איצט דאָך אַלע מײַנע גלידער,
ליכטיקע, צינדערישע,
יידישע לידער
װעלן זיך פאַרמערן
און דערהערן
און דערזען, —
עפּעס אויסטערלישס איז הײַנט געשען, —
אַזאַ גרויסע זכיה!
דער ייד פון שטריק אויף תליה
איז איצט אין עליה,
ער הויבט זיך צו די הויכן,
הינטער אונדז אַ װעלט אין רויכן,
נאָר פאַראויס דער מענטש מיט האַמער אין די הענט
בויט נײַעם פונדאַמענט, —
הערט, הערט,
עס יערט
עפּעס נײַס אויף אונדזער ערד!

ביים „גרענד־קעניאָן"

גאָט וועט געבן
אויך דאָס לעבן
צום פאַרגליווערטן גראַניט!
זעט, זעט, ווי שיין עס גליט
אָוונטדיקער שטערן זיך פאַנאַנדער, —
וועלט איז נאָך אין וואַנדער!
מענטש איז נאָך אין וואַנדער!
דער וועג איז נאָך נישט ביים סוף און טראָט שוין אויף אַן אַנדער!

ז. ווײַנפּער

פּאָראויס, פּאָעט!

אויף גאָטס־באַראָט
איז שווער צו גײן, —
טרעט, טרעט, מײַן טראָט
און בלײַב נישט שטײן.

אַ גרויס געזאַנג
און פֿול מיט ברויז
איז דאָך דער גאַנג
צו דעם פּאָראויס!

דורך שטײן, גראַניט
צום גרינעם פֿעלד, —
הער, הער, אַ ליד
גײט אויף צעהעלט.

אויב נישט דער הײַנט,
וועט מאָרגן דאָך
צעבלענדט, צעשײַנט
אַרויס פֿון יאָך.

און זינגען וועט
ער פֿראַנק און פֿרײַ, —
פּאָראויס, פּאָעט,
עס איז כּדאַי!

אינהאַלט:

	זייט
ניִשט דער „גרענד־קעניאַן, נאָר ביים „גרענד־קעניאָן"	7
אַט איז עס דאָך דאָס ליד!	9
מה גדלו מעשיך אדוני!	11
דאָס הייליקע לאַנד פון ישראל	13
אויסטערליש	17
צעמישט און ניִשט אָפּגעווישט	19
געזאַנג, צי געוויין?	20
רו	22
גענאָד	23
גאָרנישט פאַרלאָפּן	25
עס איז דאָס	27
די אייביקייט	28
ניִשט קיין חידוש	29
גלייכגילטיקייט	30
בין איך וואָך?	32
גרויזאַם רעטעניש	33
וואוהין?	36
אַפּיל	38
און דער סוד איז אַלץ נאָך אַ סוד	39
אויפן וועג צום גרויסן עיקר	40
צו אַ נייער טיר	42
די נייע טיר	43
און אפשר בין איך נאָך ניִשט געבוירן?	46
יענע מאַמע	48
על חטא שחטאנו	54
נאָך וואָס? צו וואָס?	61

זייט

ליבשאַפט 63
באַהעפטקייט 65
מענטש 67
נקמה 70
אַ קול 72
פאַרריגלטקייט 74
כדי צו קוקן און צו זען ? 76
העי, קינדער ! 78
די דייטשן 80
צו טריט, וואָס זענען נישט דערגאַנגען 82
זעט אויס 85
זינג, מיין האַרץ ! 86
דער מאַן מיט דעם געקאַרבטן שטערן 88
און שטיל און שאַ 90
דערהויבענע מינוטן 92
וואונדער 93
בלימלעך 94
לענין 95
אַלץ איז הייליק 97
גיי זאָג זיך אָפּ פון אים 99
אַזוינע זעענדיקע זענען איצט מיינע אויגן 103
דער גלי אויף גראַניט 104
פון המשכדיקער ירושה געפאַנגענע 105
נישט 107
קאַלירנדיקע שטריקערייי 110
דאָס גאָר 112
שוויגנדיקע ריזן 114
אַמעריקע 116
פון ערגעץ ביז ערגעץ 117
צו יענער שוועל 119
אַ דאַמע, אַ קאָקעטקע 121

זייט

שטיינערדיקע אייביקייט 123
זשאַן 124
זיי שטיל 126
וואָס וועל איך מיטנעמען פון דאַנען? 128
אָהאָ, ווי גראַנדיעז! 129
דער היינט 131
נישט וועק מיך, נישט וועק 132
דו 134
אין תפילהדיק געזאַנג 136
וועלט איז נאָך אין וואַנדער 138
פּאַראויס, פּאָעט! 140